STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03342

DI YIDN OYFN NOENTN MIZREH

A. Wajn

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קליינע ביבליאטעק № 2

א. ווײַן

די יידן אויפן נאָענטן מזרח

אין דער תקופה פון בר־כוכבא׳ס אויפשטאַנד ביז דער ירידה פון דעם גאָנאַט

From the Library of
Philip Sandler

פארלאג יידיש בוך ווארשע
1958

№ 2 *Mała Biblioteka*

A. WAJN

Żydzi na bliskim wschodzie w czasie powstania Bar-Kochby do upadku Goanatu

Red. B. MARK

רעד. ב. מארק

Okładkę projektował H. GLIKSZTOK

הילע געצייכנט ה. גליקשטאָק

Wyd. „Idisz Buch" Warszawa Nowogrodzka 5

Nakład 3000 egz. Druk ukończono w październiku 1958 r. Ark. druk. 4,75. Ark. wyd. 3. Papier druk. mat. V kl. 60 gr. 70x100.

Druk. R.S.W. „Prasa", Warszawa, ul. Tarczyńska 8.
Zam. 5516 — A-84

יהודה־פּאַלעסטינע פון נאָך דעם בר־כּוכבא־אויפשטאַנד ביז דער דעראָבערונג פונעם לאַנד דורך די אַראַבער (138 — 638)

במשך פון הונדערטער יאָרן, פון די צייטן פון די השמונאים און זייער קאַמף פאַר אַ זעלבשטענדיקער מלוכה און נאָכדעם אין די צייטן פון פאַרביטערטן געראַנגל קעגן רוים סיי אין יהודה און אויסער אירע גרענעצן ביז צו דעם לעצטן טראַגישן אקאָרד פון בר־כוכבאס אויפשטאַנד, האָט דאָס יידישע פאָלק באַוויזן מוסטערן פון גבורה און מסירת־נפש אין דעם נאַציאָנאַל־פּאָליטישן קאַמף פאַרן קיום פון פאָלק, פאַר זיין פּאָליטישער אומאָפּהענגיקייט און פרייע, אייגענעם לעבנס־שטייגער.

דער אויבן דערמאָנטער קאַמף איז אָבער נישט געווען איינזייטיק. אין דער זעלבער צייט איז פּאַראַלעל פאָרגעקומען אַ קאַמף פון די אינטעלעקטועלע כוחות פונעם פאָלק קעגן פרעמדע הייהנישע (געצנדינערישע) השפּעות, פאַר פאַרפעסטיקן דעם נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו און אַנטוויקלען זיינע אינערלעכע גייסטיקע כוחות און דערפירן זיי צו אַזאַ מדרגה, וועלכע וועט קאָנען קאָמפּענסירן די מאַטעריעלע פאַרלוסטן און דערגאַנצן די אויסדויער־קראַפט פון דער פאַרבליבענער שארית הפליטה, וועלכע איז באַרויבט געוואָרן פון אַ מלוכה און פון אירע פּאָליטישע אינסטיטוציעס.

באַלד נאָכן חורבן, ווען דאָס פאָלק איז געוואָרן מלוכהלאָז אָבער נאָך נישט היימלאָז, הייבט זיך אָן א ריזיקע — פון נאַציאָנאַלן באַדייט — אַרבעט פון אַ קליינער גרופּע גייסטיקע טוערס און מנהיגים. מען האָט אָנגעווירן ירושלים, אָבער דאָס קליינע יבנה דאַרף איצט פאַרטרעטן אין גייסטיקן זין די דאָזיקע יידישע מעטראָפּאָליע. דער סנהדרין איז פאַנאַנדערגעלאָזט געוואָרן אַלס מלוכה־אינסטיטוציע, קומט אָבער אויף זיין אָרט דער סנהדרין אין יבנה אַלס אָרגאַן פון אינערלעכער זעלבסטפאַרוואַלטונג און געזעצגעבונג. דער קולט פון מוריה האָט שוין פון לאַנג געהאַט אַ קאָנקורענט אין די בתי־הכנסיות און בתי־המדרשים און אַצינד זענען די לעצטע געוואָרן מאָנאָפּאָליסטן אויף דעם געביט פון רעליגיע. אין פּאָליטישער הינזיכט דערגרייכט די ראָל און מאַכט פונעם נשיא און פון דער קאָלעגיע פון געלערנטע צו דער מדרגה פון אויטאָנאָמישער פאַרוואַלטונג. די אויגן פון דער דיאַספּאָרע אין דער גאַנצער דעמאָלטיקער וועלט זענען אַצינד געווענדט צו יבנה (און שפּעטער צו אַנדערע ערטער, ווו ס'האָט זיך געפונען דער נשיא, דער סנהדרין און די געלערנטע), אַזוי ווי פריער צו ירושלים.

דאָס געזעץ און זיין אויספירונג אין לאַנד, ווו די יידן און שומרונים בילדן נאָך די מערהייט פון דער באַפעלקערונג, פאַרנעמט דאָס אָרט פון אַדמיניסטראַטיוון כוח אין יהודה (שפּעטער פון אַדריאַנוסעס צייט — פּאַלעסטינע) און עס ווערט אין אַ באַדייטנדיקער מאָס מאָסגעבנדיק פאַר דער דיאַספּאָרע. דאָס פאָלק געפינט זיך טאַקע אין אָקופּירטן דורך די רוימער יהודה, אָבער נאָך נישט אין גלות, ווייל עס זיצט נאָך אין אייגענעם לאַנד.

דער צענטער אין יבנה און אין דער סביבה

אין די צייטן פון דער הערשאַפט פון די פלאַוויער (וועספּאַזיאַנוס, טיטוס און דאָמיציאַן) אַנטוויקלט זיך ביסלעכווייז דער נייער נאַציאָנאַלער צענטער אין יבנה (גריכיש — יאַמניא). אַ גרופּע רודף=שלומניקעס מיט יוחנן בן זכאי בראש האָבן געפונען אַ מקום מקלט אין דער דאָזיקער קליינער שטאָט, געשאַפן א בית=המדרש (אַ הויכע לערן=אַנשטאַלט) און גענומען זיך צו רעסטאַווירונגס=אַרבעט. זיי שאַפן אַ בית=דין, וואָס האָט פּאַקטיש אויסגעפירט די פונקציע פון סנהדרין, ד. ה. פון העכסטן אָרגאַן פאַר געזעצגעבונג, פאַרוואַלטונג און געריכטס=וועזן, אָבער אָן פּאָליטישן כאַראַקטער. די רוימער האָבן טאָלערירט די „רודף=שלומניקעס" און נישט ספּעציעל געשטערט זייער אַרבעט. עס זענען געבליבן ווייניק ידיעות וועגן דער סאָציאַלער און אַדמיניסטראַטיווער אַרבעט פונעם בית=דין, ווייל דער תלמוד האָט ווייניק פאַרנומען זיך מיט אָט די פראַגן. מער זענען געבליבן שפּורן פון זייער רעליגיעזער טעטיקייט און רעפאָרמען. דער ערשטער אויפטו פון רבי יוחנן בן זכאי און זיינע חברים איז געווען דאָס פאַרפולן דעם בלויז, וואָס איז אַנטשטאַנען מיטן חורבן פונעם בית=המקדש אין געביט פון קולט. זיי האָבן איינגעפירט אַ געוויסן סדר פון דינען גאָט אָן קרבנות, איבערגעלאָזט אַ סך מנהגים, וואָס האָבן געדאַרפט סימבאָליזירן דעם המשך פונעם אַלטן זעלבשטענדיקן לעבן, ווי, למשל, מעשר פאַר די כהנים און לויים, דאָס בענטשן דורך די כהנים דאָס פאָלק א.א.וו. אַ גרויסע באַדייטונג האָט געהאַט די קאַלענדאַר=פונקציע פונעם בית=דין. ביז צום חורבן זענען די ימים=טובים און ראש חודש באַשטימט געווען דורך דעם סנהדרין אין ירוש=

לים. און אַצינד האָט די זעלבע פונקציע איבערגענומען יבנה און פון דאָרטן זענען אַרויסגעגאַנגען שליחים אַפילו אין די נאָענטע דיאַספּאָרע־לענדער און האָבן אָנגעזאָגט די קאַלענדאַר־טערמינען פון פייערן ימים־טובים. דאָס האָט געדינט צום צעמענטירן די אייניקייט פון פאָלק.

א ווייכטיקער אויפטו פון יוחנן בן זכאי איז געווען דאָס גרינדן אין יבנה אַן אַקאַדעמישן צענטער, דעם בית־המדרש. דאָרט האָט מען קאָנטינואירט די אַנטוויקלונג פון תורה שבעל־פה, פירנדיק ווייטער די אַרבעט פון הללם און שמאַיס שול. אין די אַקאַדעמישע קרייזן פון יבנה האָט מען אָנגעהויבן אַריינצוברענגען אַן אָרדענונג אין דער תורה שבעל־פה, אין דעם אוצר פון מינדלעך איבערגעגעבענע פון דורות טראַדיציעס פון געזעצן, פאָלקס־חכמה, עטיק און מוסר. מען האָט שוין אָפּגעטיילט די הלכה (די טייטשונג פון תורה־טעקסטן מיטן ציל אַרויסצודינגען נייע געזעץ־נאָרמעס) און די אגדה (עטישע, טעאָלאָגישע און אַנדערע מימרות, מערסטנס גענומען פון סינאַגאָגעלע דרשות און סתם פאָלקס־חכמה מעשיות און לעגענדעס). א טייל הלכות און אגדות זענען אפילו אין יענער צייט פאַרשריבן געוואָרן.

רבי יוחנן בן זכאי איז געשטאָרבן לערך אין די יאָרן 80—85 און אין דער קורצער צייט פון זיין טעטיקייט האָט ער באַוויזן צו שאַפן די גרונט־יסודות פון דער צוקונפטיקער אויטאָנאָמיע. פאַרפעסטיקן די אינערלעכע אויטאָנאָמיע איז ערשט געלונגען דעם אייניקל פון רבי גמליאל I, דעם ענערגישן אַדמיניסטראַטאָר און געלערנטער רבן גמליאל בן שמעון פון יבנה.

רבן גמליאל II איז לויט דער מסורה אנערקענט געוואָרן דורך די רוימער אַלס נשיא (פּאַטריאַרך). גמליאל האָט בע־

סער געטויגט צו דער ראָל פון אַדמיניסטראַטאָר, איידער דער למדן רבי יוחנן. ער איז געווען פול מיט ענערגיע און פעיקייט צו באַפעלן, אַ בקי אין „חכמה יונית“, גערעדט לאַטייניש און גריכיש; זיין משפחה איז געווען אין גוטע באַציונגען מיט די רוימער. נאָך דעם טויט פון רבי יוחנן האָבן זיינע תלמידים: אליעזר בן ערך, אליעזר בן הורקנס און יהושע בן חנניה געשאַפן אייגענע שולן אין לוד, פקיעין און אין עמאוס. אין צוזאַמענהאַנג מיט די אויפסניי פאַרשטאַרקטע שטרייטן צווישן הללס און שמאיס שיטות און אָנהענגער איז געשאַפן געוואָרן אַ געפאַר אַז „פון דער איינער תורה איז שיעור נישט געוואָרן צוויי תורות“. רבן גמליאל האָט אָנגענומען שטרענגע מיטלען, כדי צו פאַרמיידן אַ שפאַלטונג און פאַרפעסטיקן דעם אויטאָריטעט פונעם סנהדרין. די אָנגענומענע החלטות פונעם סנהדרין האָבן געדאַרפט זיין מאָסגעבנדיקע פאַר אַלע שולן און געלערנטע, און ווער ס'האָט זיך קעגנגעשטעלט איז געוואָרן פאַרמשפט אויף „נידוי“ ד. ה. אויף באַזייטיקונג פון דער יידישער עדה. רבן גמליאל איז בכלל געווען אַ דעספאָט לגבי זיינע אַנטאַגאָניסטן און דאָס האָט געברענגט צו סכסוכים און צום סוף אפילו האָט די אָפאָזיציע גובר געווען און אים „דעטראָניזירט“ און אויף זיין אָרט אַלס נשיא און ראש פון סנהדרין אויסגעוויילט דעם יונגן אליעזר בן עזריה.

אליעזר בן עזריה האָט אָבער נישט געטויגט צו זיין פונקציע און רבן גמליאל האָט צוריק פאַרנומען זיין פאָסטן. זיין שטרענגע אויפפירונג איז סוף־כל־סוף געווען אָנגעווענדעט לטובת הכלל, ווייל ס'האָט געהאָלפן צום צעמענטירן דאָס פאָלק און האָט פאַרמיידט שפאַלטונגען.

אין די צייטן פון רבן גמליאלס נשיאות האָט מען ענדלעך קאַנאָניזירט די 24 ספרים פון תנ"ך מיט דערקלערן אַלס היי=

ליקע די לעצטע כתובים: שיר־השירים און קהלת (יוסף בן מתתיהו פלאוויוס דערמאנט נאָר 22 הייליקע ספרים). דאָס איז געווען ווייכטיק אין די צייטן פונעם אַנטשטיין פון אַ ריי פסיידאָ־ביבלישער און קריסטלעכער ליטעראַטור. שיין זע־גען געווען די ווערטער פון רבי עקיבא (ר׳ יהושע בן חנניהס תלמיד) וועגן שיר־השירים: „ס׳איז נישט גלייך די גאַנצע וועלט צו דעם טאָג ווען ס׳איז געשאַפן געוואָרן שיר־השירים. אויב אַלע שירים זענען הייליק, איז שיר־השירים צומהיי־ליקסטן".

זייער ווייכטיק איז געווען די דעמלט איינגעפירטע רע־פאָרם פון עבודה צו גאָט. מען האָט באַשטעטיקט דריי סטאַ־בילע תפילות (שחרית, מנחה און מעריב), דערגענצט די טראַדיציאָנעלע ברכות ביז 18 (שמונה־עשרה) און פאַרפליכ־טעט צו זאָגן די קריאת־שמע — דעם מאַניפעסט פון יידישן מאָנאָטעיזם. אין די צייטן האָט מען אויך איינגעפירט דעם צווייטן טאָג יום־טוב (פון פסח, שבועות און סוכות) אין די גלות־לענדער.

רבן גמליאל איז אויך געווען טעטיק אַלס אָפיציעלער פאָרשטייער פון יידן אין יהודה לגבי רוים. צוזאַמען מיט זיינע חברים איז ער געפאָרן קיין רוים, כדי אָפּצושטעלן די רדיפות קעגן יידן אין דאָמיציאַנס צייטן. דער תלמוד אנט־האַלט פיל לעגענדעס וועגן דעם.

דער נשיא גמליאל II איז געשטאָרבן אין די צייטן פון אימפּעראַטאָר טראַיאַן. פאַרן טויט האָט ער אָנגעזאָגט מען זאָל אים ברענגען צו קבורה אין פשוטע תכריכים און פון דעמלט אָן האָט מען אָנגענומען ביי יידן דעם מנהג פון מקבר זיין מתים אין לייוונטענע תכריכים.

רבי עקיבא בן יוסף

(אָנהייב II יאָרהונדערט)

דאָס לעבן פון דעם גרויסן געלערנטן, מנהיג און פאָלקס-העלד איז באַצירט מיט פיל לעגענדעס. אין זיין יוגנט זאָל ער האָבן געווען אַ פּאַסטעך ביי דעם רייכן כלבא-שבוע און אַ פולשטענדיקער אנאלפאבעט ביז אין דער עלטער פון פערציק יאָר. די נטיה צום לערנען האָט ער געדאַרפט קריגן אונטער דעם איינפלוס פון רחלען, כלבא-שבועס טאָכטער, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט קעגן ווילן פון איר פאָטער. די ליבע פון דעם פּאָרפאָלק האָט זיי געהאָלפן צו פאַרטראָגן צער און נויט און צו דערגרייכן פון ר' עקיבא צו אַ מדרגה פון אַ גדול אין זיין דור. ר' עקיבא האָט געשאַפן אַן אייגענע שול אין בני-ברק.

אין דער געשיכטע פון תורה-שבעל-פה שטייט עקיבאס נאָמען נעבן הללס. לויט זיין שיטה פון לערנען די תורה, האָט מען אין איר געזוכט נישט נאָר דעם לאָגישן פשט, נאָר מען האָט געפאָרשט יעדעס אות פון דער תורה, זוכנדיק ראיות צו נייע געזעצן און כללים. אויף אַזאַ אופן האָט געמוזט יעדע הנהה געפינען איר באַגרינדונג אין תורה-שבכתב. דאָס האָט אחוץ פּאָזיטיווע מאָמענטן אַריינגעפירט ריינע סאָפיסטיק אין אופן פון לערנען די הלכה און געבראַכט צו סכאָלאַסטיק אין די שולן. דאָס האָט אויך געבראַכט צו שאַפן דינים, וועלכע דאָס לעבן האָט נישט געפאָדערט.

עקיבאס גרויסער פאַרדינסט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געמאַכט דעם ערשטן פרווו צו סיסטעמאַטיזירן דעם אָנגעזאַמלטן פון דורות מאַטעריאַל פון דינים און הל-

כות. די דאָזיקע סיסטעמאַטיזירונג פון פיל דינים אין מינד־לעכער אָדער שריפטלעכער פאָרם האָט באַקומען דעם נאָמען „משנה דרבי עקיבא" און זי האָט שפּעטער געדינט אַלס יסוד פאַר דער ענדגילטיקער רעדאַקציע פון דער תּלמודישער משנה.

רבי עקיבאס פילאָזאָפישע און עטישע וועלט אנשויונגען זענען געווען דורכגעדרונגען מיטן נאַציאָנאַלן גייסט און אמו־נה און די ספּעציעלע ראָל פון יידנטום און זיין תורה אין דער וועלט.

אַרום ר' עקיבאן האָט געלעבט און איז טעטיק געווען א ריי גרויסע געלערנטע און צווישן זיי: רבי ישמעאל בן אלישע, רבי טרפון, בן עזאי, בן זומא און אנדערע.

פון אַ גרויסן באַדייט איז געווען ר' עקיבאס פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. אים און זיינע חברים קאָן מען פאַררעכענען צו די גייסטיקע אָנפירער פון בר־כוכבאס אויפשטאַנד קעגן רוים. פאַרן אויסברוך פונעם אויפשטאַנד זענען רבי עקיבא און זיינע נאָענטע חברים געשטאַנען בראש פון דער פּאַסיווער ווידערשטאַנד־באַוועגונג קעגן אַדריאַנ־סעס גזרות אויף יידן און זייער נאַציאָנאַלער פאָרם פון לעבן. ווען מ'האָט געפרעגט ר' עקיבאן צי ער האָט קיין מורא נישט צו לערנען און אויספירן די געבאָטן פון דער תורה טראָץ די פאַרבאָטן פון די רוימער, האָט ער געענטפערט מיטן באַקאַנ־טן משל מיט דעם פוקס און די פיש: דער פוקס, זעענדיק, אַז די פיש זענען באַאומרואיקט צוליב די נעצן, וועלכע עס שטעלן אויף זיי אויף די מענטשן, האָט ער זיי פאָרגעלייגט, אַז זיי זאָלן אַרויס פונעם וואַסער און מיט אים אַרומוואַנ־דערן. די פיש האָבן אים געענטפערט, אַז אין וואַסער וואָס איז אַ נאַטירלעכער מקור פון זייער לעבן זענען זיי באַאומרו־

איקט, און וואָס וועט זיין אויף דער טריקעניש, ווו זיי האָבן קיין שום האָפענונג נישט צום לעבן? דאָס זעלבע איז נוגע די יידן. אפילו ווען זיי לעבן לויט דער תורה, — האָט געזאָגט רבי עקיבא, — וואָס איז זייער נאַטירלעכע אַטמאָספער, זענען זיי אין געפאַר, איז דאָך קיין רייד נישטאָ ווען קאָנען לעבן אָן איר.

אין די צייטן פון די אדריאן־רדיפות האָבן די רוימער ר׳ עקיבאן און א סך פון זיינע חברים געבראַכט צום מאַרטי־רער־טויט.

באַקאַנט איז די לעגענדע וועגן די 10 מאַרטירער (עשרת הרוגי מלכות). צווישן זיי האָט זיך געפונען ר׳ עקיבא, פון וועלכן מ׳האָט געריסן לעבעדיקערהייט שטיקער פלייש. בשעת מען האָט אים געפייניקט זאָל — לויט דער לעגענדע — ר׳ עקיבא האָבן געזאָגט „שמע ישראל" און מיט די ווערטער אָפגעגעבן זיין נשמה.

די נייע איבערזעצונגען פון תנ"ך אין די צייטן פון יבנה־סנהדרין

נאָך דעם ווי מיט דער גריכישער איבערזעצונג פון תנ"ך (סעפטואגינטא) האָבן זיך באַנוצט די יידן — קריסטן, און נעמענדיק אין אַכט, אַז די יידישע געלערנטע פון יהודה האָ־בן מיט אומצוטרוי געקוקט אויף די הוספות און ענדערונגען פון א סך טעקסטן אין דער סעפטואגינטא, איז נויטווענדיק געוואָרן צו שאפן א נייעם גריכישן תרגום פון תנ"ך, וועלכער זאָל זיך שטיצן אויף דער מסורה.

אויסגעפירט האָט די אַרבעט אַ גר אקילאס (אין אַראַ־מיש: אונקעלאס). ער האָט איבערגעזעצט אויף גריכיש דעם העברעישן אָריגינאַל בוכשטעבלעך, אפילו מיטן שאַדן פאַר דעם גריכישן סטיל. דער מחבר איז געווען אונטערן איינפלוס פון ר׳ עקיבאס לערן־ און דרוש־שיטה. שפּעטער האָט מען דעם חומש איבערזעצט לויט אקילאס טעקסט אויף אראמיש און מ׳האָט אים אַ נאָמען געגעבן תרגום אונקלוס. די אונ־קלוס־טעקסטן זענען ביז היינט געדרוקט אין די חומשים גע־בן דעם העברעישן טעקסט.

אין צווייטן יאָרהונדערט האָט א געווויסער טעאָדאָטיאָן איבערגעאַרבעט דעם טעקסט פון דער סעפּטואגינטא, אויס־בעסערנדיק אים לויט דעם העברעישן טעקסט. סיי פון אקי־לאָס גריכישער איבערזעצונג, סיי פון טעאדאטיאנס טעקסטן זענען פאַרבליבן ביז היינט נאָר פראַגמענטן.

די גלילער נשיאים; די רעדאַקציע פון דער משנה (138—210)

דער אויפשטאַנד פון בר כוכבא און זיינע פאָלגן, די רדיפות פון אדריאנסעס צייט האָבן פאַרוויסט דעם טייל יהודה וואָס איז געבליבן אַלס שארית הפליטה נאָך דעם חור־בן אין די צייטן פון וועספּאַזיאַן און טיטוס. די באַפעלקע־רונג איז פאַראָרעמט געוואָרן און געליטן נויט, אַ גרויסער טייל פון איר איז אַנטלאָפן אין אַנדערע לענדער, איבערהויפּט קיין בבל. ירושלים איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער היידני־שער שטאָט „עליא קאַפּיטאָלינא„ (אויף דעם נאָמען פון

אדריאַנוס=עליוס). יהודה הייסט שוין פון דעמלט אָן אין די רוימישע דאָקומענטן פּאַלעסטינאַ. אַ סך איינוווינער פון יהו=דה זענען אַריבער אין דעם וויניקער פאַרוויסטן גליל, ווו ס'האָט פּאַמעלעך זיך אָנגעהויבן צו שאַפן אַ נייער געזעל=שאַפטלעכער און גייסטיקער צענטער. די פּאָליטי=שע לאַגע איז אויך געווען גינסטיק דערצו. נאָך אדריאַנס טויט האָט דעם טראָן פאַרנומען אַנטאָניוס פּיוס (138—161) און ער האָט בילעכווייז אָפּגעשאַפן די אַנטי=יידישע גזרות (אחוץ דער גזרה וועגן אָננעמען גרים). אַ גוטע באַציונג צו יידן האָט אויך געהאַט דער אימפּעראַטאָר פילאָזאָף מאַרקוס אווירעליוס (161—181). אין די צייטן איז אויסגעבראָכן אַ מלחמה צווישן רוים און די פּאַרטן. ביי די יידן האָבן זיך באַנייט די האָפענונגען פון אדומס (רוים) מפּלה. זיי האָבן אַרויסגעוויזן סימפּאַטיעס צו די פּאַרטן און אפילו אין אַ טייל ערטער אין פאָדער=אזיע האָבן זיי אַקטיוו מיטגעהאָלפן די פּאַרטן. דאָס האָט געבראַכט צו געוויסע רעפּרעסיעס קעגן זיי מצד מאַרקוס אווירעליוסעס מיטרעגי=רער ליוציוס ווערוס. אָבער נאָך דעם זיג פון רוים אין דער מלחמה און נאָך ווערוסעס טויט (169) האָבן די רעפּרע=סיעס אויפגעהערט. אין די צייטן פון אימפּעראַטאָר קאָמאָ=דוס (180—192) און נאָך זיין טויט, ווען אַרום דעם טראָן זענען פאָרגעקומען קאַמפן צווישן פאַרשידענע מיליטער=קאָ=מאַנדירן און פּאָליטישע אַוואַנטוריסטן, זענען ווידער אויפ=געקומען געפאַרן פון נייע אומגליקן פאַר יידן. די פּראָווינציאָ=נעלע הערשער, איבערהויפּט פון סיריע—פּאַלעסטינע, האָבן געשטרעבט אויסצוצאַפּן וואָס מער שטייער פון זייער פּראָ=ווינץ. אינעם קאַמף פאַרן טראָן צווישן ניגערן און סעפּטימוס סעווערוס (193—211) האָט דער לעצטער געזיגט און זיך

נוקם געווען אין די יידן און שומרונים, וועלכע האבן געשפּיצט ניגערן. ער האט באגייט אנטאניוס פּיוסעס גזרות וועגן אָנגעמען גרים, ער האט אָבער דערלויבט די יידן צו פֿארנעמען אמטן אין די אלגעמיינע שטאטישע פֿארוואלטונגען.

ד א ס   ו ו י ר ט ש א פ ט ל ע כ ע   ל ע ב ן   פ ו ן די יידן אין יהודה=פּאלעסטינע האט נאך אין די צייטן פון משנה און תלמוד געהאט אלע אייגנשאפטן פון א נארמאלער סטרוקטור. פּאלעסטינ׳ע האט געהערט צו די וויכטיקסטע ווירטשאפטס=באזעס פון דער רוימישער אימפעריע אין נאענטן מזרח. די לאנדווירטשאפטלעכע קולטור איז, לויטן דעמלטיקן שטייגער געשטאנ׳ען אויף הויכן ניווא. זי האט זיך געשטיצט אזוי ווי אין אנדערע רוימישע פּראווינצן אויף ארבעט פון קנעכט און קליינע ארענדאטארן.

נאך דעם חורבן, ווען די גאנצע ערד פון יהודה איז קאנפיסקירט געווארן און איז געווארן אן אייגנטום פון אימפעראטארס הויז, זענען אנטשטאנען גרויסע לאטיפונדיעס, און שפּעטער זענען א טייל פון זיי אריבער דורך אויסקויף אין יידישע הענט. דאס לאנד האט פּראדוצירט בשפע תבואות (ווייץ און גערשטן), וויין, אייל פון אײלבירט=ביימער, סעזאם=קערנער, פּירות און ירקות. א סך פון לאנדווירטשאפטלעכע פּראדוקטן זענען עקספּארטירט געווארן. באריִמט איז געווען דער גליל מיט זיין עקספּארט פון שמן זית (אייל פון אײלבירט=ביימער). די גרויסע גיטער האבן זיך געשטיצט אויף דער ארבעט פון קנעכט (עבדים), על פי רוב נישט=יידישע, וועלכע מ׳האט געקויפט אויף די מערק אין צור, עזה, עכו און אנדערע פּארט=שטעט. דער מצב פון עבד כנעני (נישט=יידישן קנעכט) איז געווען רעכטלאז און ער האט זיך נאך

צוליב רעליגיעזע טעמים אַ ביסל אונטערשיידט צום בעסערן פון דער לאַגע פון די קנעכט אין אַנדערע רוימישע פּראָווינצן. די מימרות פונעם תלמוד וועגן עבדים זענען פּאַסנדיק צו די אויפפאַסונגען פון מענטשן, וואָס זייער לעבנס־שטייגער איז עקאָנאָמיק שטיצט זיך אויף קנעכט־אַרבעט. לייכטער איז געווען דער מצב פון אַ יידישן קנעכט. די ביבלישע געזעצן האָבן ליבעראַלער רעגולירט דעם סטאַטוס פון אַן עבד עברי, אַז ער איז געווען אַ שטיקל בן־בית ביים גוטבאַזיצער. די צאָל פון יידישע קנעכט איז אין יענע צייטן געווען אַ קליינע. דער עבד עברי איז עקאָנאָמיש געווען ווייניקער רענטאַבל צוליב די געזעצן פון דער תורה, וואָס האָבן פאַרבאָטן זיין אומ־מענטשלעכע עקספּלאָאַטאַציע אין פאַרגלייך מיט דעם עבד כנעני. אויף די לאַטיפונדיעס און אַנדערע יידישע ווירט־שאַפטן האָבן אויך געאַרבעט שכירי־יום אָדער פּועלים, ד. ה. טאָג־אַרבעטער אָדער לוין־אַרבעטער. זייער פולע עקספּלאָ־אַטאַציע איז אויך געווען באַגרענעצט מיט פאַרשידענע די־נים פון געזעץ, צום ביישפּיל: „מע טאָר נישט איבערנעכטיקן דעם לוין פונעם געדונגענעם ארבעטער ביז מאָרגן“ אדגל.

ס'האָט דעמלט עקזיסטירט אַ צאָלרייכער קלאַס פון ערד־אַרענדאַטאָרן. געוויינטלעך פלעגן דאָס זיין אָנערדיקע אָדער ווייניקערדיקע דאָרף־איינוווינער, וואָס פלעגן אָפּדינגען ביים לאַנד־באַזיצער אַ שטיק ערד אָדער אַ ווייגשטאָק און טיילן דערנאָך די גערעטעניש מיטן אייגנטימער כמעט העלפט אויף העלפט און אחוץ דעם צאָלן גרויסע שטייערן. דער הונגער איז טאַקע געווען אַן אָפטער גאַסט ביי די דאָזיקע שיכטן, איבערהויפּט אין די צייטן פון מלחמות אָדער נאַטור־קאַטאַק־ליזמען (טריקעניש, היישעריק).

א בכבודיקן אָרט אין דעם ווירטשאַפטלעכן און געזעל־

שאַפּטלעכן לעבן האָט פאַרנומען די מלאכה. די פּראָדוקציע פון בעלי־מלאכות אין פּאַלעסטינע (ערדענע כלים, וועבעריי, גאַרבעריי אד.ג.) איז געווען באַקאַנט אין גאַנצן נאָענטן מזרח און איז געווען אַ קענגשטאַנד פון עקספּאָרט.

אויך דער האַנדל האָט אין יענער צייט געבליט. דער אויס־טויש פון סחורות איז פאָרגעקומען אויף אָרגאַניזירטע ירידן אין ספּעציעלע טעג (יומא דשוקא). צוליב דער געאָגראַ־פישער פּאָזיציע פון פּאַלעסטינע האָט זיך אויך אַנטוויקלט דער טראַנזיט־ און מעבר־לים־האַנדל.

די אינערלעכע פאַרוואַלטונג, די ציווילע אַדמיניסטראַציע, דאָס קולטורעלע לעבן און די קולטורעלע שאַפונג איז געבונ־דן געווען מיט דעם פּאַטריאַרכאַט, מיט זיינע אינסטיטוציעס און מיט די געלערנטע־קאָלעגיעס.

דער סנהדרין אָדער בית־דין אין אושא

באַלד נאָך דעם אָפּשאַפן אַדריאַנסעס גזירות איז אין די קרייזן פון די געלערנטע ווידער אויפגעקומען דער געדאַנק פון רעסטיטואירן די זעלבסטפאַרוואַלטונג. פיל תנאים, וואָס זענען אַנטלאָפן אין אַנדערע לענדער, זענען צוריקגעקומען, צווישן זיי אַ גרופּע רבי עקיבאס תלמידים: רבי מאיר, שמעון בר יוחאי און יהודה בן אלעאי. עס איז פאָרגעקומען אַ צוזאַ־מענפאָר פון געלערנטע און ראשי־קהילות אין דער גלילער שטאָט אושא, און דאָרט האָט מען ווידער אויפגעשטעלט דעם אַמט פון נשיא און אויך געבילדעט אַ נייעם סנהדרין אָדער בית־דין (לערך אין יאָר 140). פּאַטריאַרך איז געוואָרן דער זון פון גמליאל II (פון יבנה), שמעון בן גמליאל II.

אלס געהילפן צו דעם נייעם נשיא האָט מען אויסגעוויילט צוויי אָנגעזעענע געלערנטע: רבי מאיר מיטן טיטל חכם און נתן הבבלי מיטן טיטל אב־בית־דין (געריכטס־פּאָרזיצער). די צוויי געלערנטע זענען געשטאַנען אויף א פיל העכערער מדרגה אין געביט פון וויסן אין פארגלייך מיט דעם גוטן אדמיניסטראַטאָר שמעון בן גמליאל II.

דער נשיא האָט געשטרעבט צו א צענטראליזאציע פון דער מאכט און א געוויסער אינערלעכער דיסציפּלין, וואָס האָט געהאט א גרויסע באדייטונג אין די צייטן פון רעסטאווראציע. ער האָט ליקווידירט די פּרוון פון שאפן א מין סעפּאראטן סנהדרין אין בבל, אין נהר פקד. אין זיינע שטרעבונגען צו פארגרעסערן דעם אויטאָריטעט פונעם נשיא האָט ער זיך אָנגעטראָפן אויף א ווידערשטאַנד מצד א ריי געלערנטע פון דער קאָלעגיע און צווישן זיי אויך רבי מאיר און ר׳ נתן. עס איז געקומען צו סכסוכים און שפּאלטונגען. רבי מאיר האָט זיך אפילו געשאפן אן אייגענע אקאדעמיע. די געלערנטע פון אושא פאררעכנט מען צו דעם דריטן דור תנאים.

רבי מאיר, אלישע בן אבויה און שמעון בר יוחאי

לויט דער לעגענדע האָט רב מאיר געשטאַמט פון א היידנישער משפחה וואָס האָט זיך מגייר געווען. חיונה האָט ער געהאט פון איבערשרייבן ספרים. ער האָט אפילו דערפונדן עפּעס א נייעם מין טינט און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט א גרויסער קאליגראפישער קונסט. ער איז געווען א תלמיד פון רבי עקיבא און רבי ישמעאל אין יבנה, און אויפן געביט פון

געזעץ־פאָרשונג האָט ער זיך געהאַלטן ביי עקיבאָס שיטות און האָט זיי פאַרברייטערט און אַנטוויקלט. אַחוץ שאַרפזי־ניקייט אין אופן פון לערנען האָט ער זיך אויך באַנוצט זייער אָפט מיט דער אגדה און משלים, איינפלעכטנדיק זיי צווישן טעקסט פון דער הלכה. עס זענען געבליבן פון אים איבער דריי הונדערט משלים. פיל רבי מאירס דינים זענען נאָכדעם אַריין אין דער ענדגילטיק רעדאַגירטער משנה. פונקט ווי רבי עקיבא האָט זיך אויך רבי מאיר פאַרנומען מיט סיסטעמאַ־טיזירן דעם גרויסן מאַטעריאַל פון תורה שבעל־פה. די גע־לערנטע פלעגן זיך שפּעטער שטיצן אויף דער „משנה דרבי מאיר“, וואָס איז צו אונדז נישט דערגאַנגען.

נעבן אים טרעט אַרויס די ליכטיקע געשטאַלט פון זיין ווייב ברוריה (וואַלעריא). זי איז געווען חנינא בן טרדיונס טאָכטער(איינער פון די עשרת הרוגי מלכות), איר מוטער איז דערמאָרדעט געוואָרן, די יינגערע שוועסטער האָט מען פאַרקויפט אין א שאַנדהויז.

ברוריה האָט געקאָנט דינען אַלס מוסטער פון א מוטי־קער פרוי. זי איז געווען געלערנט און מיט איר וויסן און ברייטן קוק האָט זי געווירקט אויף דער גאַנצער סביבה, אַז די תנאים פלעגן שטוינען. די לעגענדע דערציילט, אַז אין א שבת זענען געשטאָרבן אירעביידע זין. זי האָט נישט גע־וואָלט מצער זיין איר מאַן און פאַרשטערן אים דעם שבת־רו. האָט זי אים ערשט מוצאי־שבת איבערגעגעבן די שלעכטע בשורה. ווען רבי מאיר האָט אָנגעהויבן צו קלאָגן, האָט זי אים מיט אַן אַפאָריזם דערמאָנט וועגן דין, אַז אויב מע האַלט עמעצנס א זאַך מוז מען עס צוריקגעבן דעם אייגנטימער. געמיינט האָט זי די באַקאַנטע ווערטער פון איובן: „ד׳ נתן, ד׳ לקח“.

א טיף טראגישע פערזענלעכקייט איז געווען רבי מאירס לערער און חבר רבי אלישע בן אבויה. פון די פיל לעגענדעס וועגן זיין לעבן, מיט וועלכע ס'איז פול דער תלמוד, קאן מען דרינגען אז ער איז געווען א סקעפטיקער, נאכגעגאנגען די שיטות פון גריכישע פילאזאפן און געפילט זיך צו ענג אין דער צוים פון דער געשאפענער דורך די יידישע געלערנטע דיסציפלין און פון דער איינזייטיקייט פון דעם יידישן געזעץ און גלויבן. טראץ דעם, וואס ר' אלישע האט זיך געפונען אין מצב פון חרם: מ'האט אים גערופן א ח ר (ד. ה. א בוגד, אפטריניקער), האט זיך רבי מאיר נישט אפגעקערט פון דעם פריידענקער-אפיקורס און פלעגט מיט אים האבן א מגע ומשא.

לויט דער לעגענדע פלעגט אלישע ארומגיין איבער די שו-לן, ווו עס האבן געלערנט קינדער, און האט געשריגן: „וואס טוען זיי דא? ווער באדארף זייער לערנען? זאל דער בעסער זיין א בויער, דער צווייטער א סטאליער, דער דריטער א שניידער!" ער איז געווען פול מיט ספקות אין די פראגן און דאגמעס פון שכר ועונש און תחית המתים. אחר איז גע-שטאנען אין אפענעם קאנפליקט מיט זיין צייט און הערשנ-דיקע באגריפן. אויף די פארווורפן, פארוואס ער האט צו טאן מיט אן אפיקורס, האט רבי מאיר געענטפערט: „איך האב געפונען א גראנאט-עפל, האב איך די פרוכט אויפגעגעסן און די שאלעכץ אוועקגעווארפן".

אין דער אושא-קאלעגיע האט פארנומען א וויכטיק ארט ר'עקיבאס א תלמיד, ש מ ע ו ן ב ר י ו ח א י. צו-ליב די רדיפות, וועלכע ער האט געמוזט פארטראגן מצד די רוימער און אויך צוליב זיין שיטה פון פארשן די תורה לויטן „סוד", וואס געפינט זיך אין איר און אויך צוליב זיינע נא-

ציאָנאַלע שטימונגען — איז זיין לעבן פאַרהילט אין פיל לע־גענדעס. די באַקאַנטסטע פון זיי איז די אגדה וועגן זיין באַהאַלטן זיך איינגעם מיט זיין זון פון די רוימער במשך פון 13 יאָר אין א הייל, וווּ ער האָט זיך אויף א וווּנדערבאַרן אופן דערנערט. די שפּעטערדיקע מיטלאַלטערלעכע לעגענדע ווייזט אויף שמעונען ווי אויף א בעל־מופת און שעפער פון דער קבלה. אין XIV יאָרהונדערט האָט מען אים דערקלערט אַלס כלומרשטער מחבר פון „זוהר", וואָס איז געוואָרן די ביבל פון די בעלי־קבלה. לויט דער לעגענדע איז ער געשטאָרבן אין ל"ג בעומר (18 אייר) און צו זיין קבר אין מירון, לעבן צפת, קומען ביז היינט פיל עולי־רגל, איבערהויפט אין טאָג פון זיין יאָרצייט.

יהודה הנשיא (דער רבי) און דאָס אָפּשליסן די משנה

די אַרבעט פון סנהדרין, פון די ישיבות און פונעם נשיא, וואָס האָט געדויערט שוין באַלד הונדערט יאָר (אין יבנה און נאָכדעם אין גליל), האָט דערגרייכט איר העכסטן פּונקט אין די צייטן פון יהודה הנשיא. נאָך שמעונס (זיין פאָטערס) טויט (אַרום יאָר 165) האָט ער איבערגענומען דעם אַמט פון נשיא און ער איז געוואָרן דער איינפלוס־רייכסטער טרעגער פון אָט דעם טיטל.

אויסגעבילדעט אין די ישיבות פון גליל (ביי שמעון בר יוחאי), געבילדעט אין „חכמת יונית", האָט ער אויך געהאַט גרויסע אַדמיניסטראַטאָרישע פעיקייטן. א גרויסער לאַטי־פונדיסט און רייכער מאַן, א קרוב למלכות, האָט ער געהאַט

גוטע באַציונגען מיט די רוימער און נישט איינמאָל מיט דער־פּאָלג דערליידיקט וויכטיקע פראגן לטובת זיין פאָלק. לויט דער לעגענדע זאָל ער האָבן געווען באַפריינדעט מיט דעם קייסער פילאָזאָף מארקום אוירעליוס. צוליב די אלע סיבות האָבן אים א סך דעמלטיקע יידישע געלערנטע, וואָס זענען געשטאַנען נאָענטער צום פאָלק, אָפטמאָל אָנגעגריפן און קריטיקירט.

דער סנהדרין האָט געהאַט דעמלט אַ פולן צוזאַמענשטעל (70 פּערזאָן) און זיין אויטאָריטעט איז געווען גרויס אין לאַנד און אין דער דיאַספּאָרע. ער האָט זיך איבערגעטראָגן אין דער שטאָט צפורי.

אין לערנען האָט זיך רבי יהודה געהאַלטן ביים הללס שי־טות, געווען מער גענייגט צום סינטעז איידער צום דעטאַלן אנאַליז, וואָס פירט צו סכאָלאַסטיק. על פי רוב איז ער געווען אַ פארלייכטער אין געזעץ. ער האָט צופאַסנדיק צום לעבן פארלייכטערט די דינים פון שמיטה, מעשר און שבת.

זיין וויכטיקסטער אויפטו איז דאָס, וואָס ער האָט מיט דער הילף פון זיינע נאָענטע חברים־געלערנטע איינגעפירט אַן אָרדענונג אין דעם נאָכביבלישן מאַטעריאַל — אין די דינים און מסורות (תורה שבעל־פה פון עזרא ביז די תנאים אין צפורי), און באַקעמפנדיק די אָפּאָזיציע קעגן פארשרייבן די ירושה פון טראַדיציע, געבראַכט צו א פולשטענדיקער שריפ־טלעכער רעדאַקציע פון די אָנגעזאַמלטע פון דורות יורידישע, עטישע, רעליגיעזע און פאָלקסטימלעכע אוצרות און שאַפונגען פון יידישן גייסט.

לכתהילה האָט די רעדאַקציע פונעם מאַטעריאַל געדאַרפט דינען פאַר ישיבות און געלערנטע, אָבער דער רעזולטאַט איז געווען א סך גרעסער. עס איז אנטשטאַנען א ווערק, וואָס שוין

דאָס ערשטע דור האָט עס אָנגעהויבן צו שטעלן און שאצן ביילד נאָך תורת משה. דאָס ווערק האָט געקריגן דעם נאָמען משנה. דער שורש פון דעם נאָמען האָט צוויי באַדייטונגען: 1) שנה — לערנען, 2) משנה — ד. ה. משנה תורה — צווייטע לערע.

די ענדגילטיקע רעדאקציע איז פאָרגעקומען ארום יאָר 210.

די משנה באַשטייט פון זעקס אָפּטיילן (סדרים): 1) זרעים — א זאמלונג אגרארע דינים, 2) מועד — דינים וועגן שבת, ימים־טובים און תעניתים, 3) נשים — וועגן פאמיליע און גט־רעכט, 4) נזיקין — וועגן ציווילן און קרימינעלן רעכט און געריכטס־פּראָצעדור, 5) קדשים — וועגן קרבנות, בית־המקדש־קולט, עסן און שחיטה, 6) טהרות — וועגן דער ריטועלער און היגיענישער ריינקייט פון מענטשן, כלים און בנינים.

די קלאַסיפיקאַציע איז נישט שטרענג אויסגעהאַלטן, למשל, אין סדר זרעים געפינען מיר א טראקטאט וועגן ברכות און אין נזיקין געפינט זיך א זאמלונג פון עטישע מימרות (פרקי אבות).

יעדער סדר איז איינגעטיילט אין פרקים און די אין אַרטיקלען אָדער „משנות". אין יעדער „משנה" ווערט געברענגט דער גרונט־טעזיס, און דערנאָך קומען די מיינונגען פון דעם אָדער יענעם תנא, אָפט אנאנים (לויט דער מסורה זענען זיי רבי יהודהס אָדער רבי מאירס מיינונגען). ווו ס'איז קיין חלוקי־דעות נישט פאראן, זענען די פארמולירונגען געשטעלט דאָגמאטיש אָן מאָטיווירונג, ווי אין א קאָדעקס. די משנה איז דאָך א זאמלונג פון רעכט־וויסנשאפטלעכע מאטעריאלן. די שפּראַך פון דער משנה איז העברעיש. זי צייכנט

זיך אויס מיט לאקאָנישע וויסנשאַפטלעכע אויסדרוקן אָן מליצות. זי איז נאָענט צום דעמלטיקן העברעיש-אַראַמישן אומגאַנג-דיאַלעקט.

אַלע געלערנטע, וואָס זייערע מיינונגען זענען געבראַכט אין דער משנה פון הלל ביז דעם רבי, קריגן דעם טיטל תנאי — לערער, און די שפּעטערדיקע פּאָרשער זענען נאָר זייערע „אויסטייטשער" — אמוראים.

יהודה הנשיא איז געשטאָרבן אַרום 210 און דאָס יאָר האַלט מען פאַר א דאַטע פון אָפּשליסן, פאַרחתמענען די משנה.

פּאַלעסטינע אין לעצטן יאָרהונדערט פון הײדנישן רוים (210—312).

די פּאָליטישע לאַגע

אין די דאָזיקע יאָרן פאַלט שטופנווייז דער אויטאָריטעט פון דער אימפּעראַטאָרישער מאַכט אין רוים. די השפעה פון די פּראָווינצן, ספּעציעל פון די מזרח-פּראָווינצן, האַלט אין איין וואַקסן. אין דער רוימישער אימפּעריע וואַקסט די אַנאַר-כיע, עס וואַקסט דער רעליגיעזער סינקרעטיזם; עס ווערט צו-געגרייט דער באָדן פאַרן שפּעטערדיקן טריומף פון קריסטנ-טום אין דער רוימישער אימפּעריע. די רעכטלעכע לאַגע פון די צעזייטע אין דער גאַנצער אימפּעריע יידן האָט זיך צו יע-נער צייט פאַרבעסערט. דער אימפּעראַטאָר קאַראַקאַלאַ (211 — 217) האָט געגעבן רוימישע בירגער-רעכט אַלע איינוווינער פון די פּראָווינצן, צווישן זיי אויך די יידן. גוטע באַציונגען צו יידן האָט געהאַט אויך זיין נאָכפאָלגער העליאָ-

גאבאל. צוליב די מענטשלעכע באציונגען צו יידן, וואָס עס האָט ארויסגעוויזן דער אימפעראטאָר, דער סיריער אלעק־סאנדער סעווערוס (222 — 235), האָבן פון אים די אנטיאָ־כער און אלעקסאנדריער — גריכישע איינוווינער, אָפּגע־חוזקט, געבנדיק אים אן איראָנישן נאָמען: „סירישער סינאַ־גאָגע־ראש און כהן". די אובנדערמאָנטע אימפעראַטאָרן זע־נען געווען אונטער א שטארקן איינפלוס פון דער אריענט־קולטור (און אויך פון דעם יודאיזם), זיי האָבן לאַנגע יאָרן פארבראכט אין נאָענטן מזרח, און געשטאנען אפילו אין פער־זענלעכע באַציונגען מיט יידישע געלערנטע און נשיאים.

פאַרנעפּלט איז די צייט פון די פופציק יאָר אַנאַר־כיע, וואָס האָט געהערשט אין רוים נאָך אלעקסאנדער סע־ווערוס'עס טויט (235—285). דער דאָזיקער מצב האָט מסתמא מיטגעווירקט צום פארשטארקן זיך פון דער זעלבסטפארוואלטונג פון יידישן צענטער אין יהודה.

אויך דער אָנהענגער פון שטארקער מאכט — דער ענער־גישער אימפעראטאָר דיאָקלעציאן (285—305), וואָס האָט געפירט א ריגאָריסטישן קאמף קעגן קריסטן און קריסטנ־טום — האָט די יידן געלאָזט צו רו. עס איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואָס אין די צייטן האָט דער צענטער אין גליל נאָרמאל פונקציאָנירט און אפילו דאָס פארוויסטע יהודה האָט געגנאָסן פון א פארלייכטערטן רעזשים. ס'זענען פאראן שפּורן אין תלמוד, אז אין דער צווייטער העלפט פון III יאָרהונדערט האָבן זיך אפילו באנייט די עליות־רגל קיין ירו־שלים. עס איז דאָרט אויסגעוואקסן א נייער, קליינער ישוב. אין קסריה, לוד און אין אנדערע שטעט זענען געשאפן גע־וואָרן ישיבות.

די עקאָנאָמישע לאגע פונעם ישוב אין פאלעסטינע אין

אַט דער צייט שטייט אָבער אונטער דעם צייכן פון פאַרשטאַר־קטן פיסקאַלן רעזשים. דער מצב פון ערד־אַרבעטער איז גע־פאַלן, ס'האָבן זיך פארגרעסערט די לאַטיפונדיעס. ווי ווייט עס איז געווען פארביטערט די לאַגע פון די יידישע ערד־אַרבע־טער ווייזן אָן די שפּורן אין דעם תלמוד, וועלכע דערציילן וועגן אַ דערלויבעניש וואָס די תלמידי־חכמים רבי יונה און אַנד. האָבן געגעבן צו באַאַרבעטן די פעלדער אין שמיטה־יאָרן. א סך יידישע פאַראָרעמטע לאַנדווירטן פארלאָזן די ערד און וואנדערן אוועק זוכנדיק ערגעץ אנדערש חיונה.

די נשיאים אין טבריה

זייער ווייניק ידיעות זענען געבליבן וועגן דער טעטיקייט פון דעם נשיא גמליאל III, רבי יהודהס זון. א נייער אויפ־בלי פאר דער נשיאות איז געקומען אין דער צייט פון גמלי־אלס דעם III־טנס זון — יהודה II (לערך 230—286). ער האָט איבערגעטראָגן זיין רעזידענץ קיין טבריה, וועלכע איז פון דעמלט אָן געוואָרן א מיטלפונקט פון גייסטיקער טעטי־קייט אין משך פון צוויי הונדערט יאָר. ער איז געווען א גו־טער אדמיניסטראַטאָר, געהאט גוטע באציונגען מיט די פּאָר־שטייער פון דער רוימישער מאכט אין יהודה (קיסריה) און אויסער איר. ער האָט פארשטארקט דעם אויטאָריטעט פון נשיאות סיי כלפי פנים און אויך כלפי חוץ. נישט קוקנדיק אויף די אָפטע סכסוכים מיט דער קאָלעגיע פון געלערנטע, וואָס פלעגן פאָרקומען צוליב יהודה דעם II־טנס נטיות צו זעלבסטהערשונג, האָט אין זיין צייט נאָך געבליט דאָס אינ־טעלעקטועלע לעבן און שאַפונג.

נאָכן טויט פון יהודה II הייבט זיך אָן די שטופנווייזע ירידה פון פאַלעסטינער פּאַטריאַרכאַט. זיינע נאָכפאָלגער, גמליאל IV און יהודה III (לערך 286—330) האָבן שוין נאָר געשפּילט אַ ראָל פון אַדמיניסטראַטאָרן און באהעלפער פאַר דער מאַכט (שטייערן־זאַמלער) און אין אַ געוויסער מאָס זעלבסטפאַרוואַלטער אין יידישן ישוב. זייער ראָל פון באַהעלפער פאַר דער פאַרהאַסטער רוימישער מאַכט רופט ארויס ביי די יידן אַ שאַרפע קעגנערישע באַציונג צו דער נשיאות, און איר אויטאָריטעט פאַלט אַלץ מער.

די אמוראים

נאָך דער רעדאַקציע פון דער משנה האָבן די געלערנטע אין פּאַלעסטינע פאַרנומען זיך פון איין זייט מיט זאַמלען די מסורות, וועלכע זענען נישט אריין אין טעקסט פון דער משנה, און אין דער זעלבער צייט האָבן זיי אָנגעהויבן אַ גייַ קאָמענטאַטאָרישע ארבעט: דער אָביעקט פון די קאָמענטאַרן איז געווען די משנה.

די הלכות און מיינונגען, וועלכע זענען נישט אריין אין טעקסט פון דער משנה, זענען קאָלעקציאָנירט געוואָרן דורך די געלערנטע אין דער ברייתא (דרויסנדיקע הלכות) אָדער תוספתא (צוגאָב־הלכות). די טעקסטן פון דער ברייתא זענען צעזייט אין דער גמרא (סיי אין דער בבלער, סיי אין דער ירושלימער). על פּי רוב ווען אין דער גמרא שרייבט מען „תנו רבנן", הייסט עס אַז מען ציטירט די ברייתא. ווען עס קומט דער אויסדרוק „תניא", ציטירט די גמרא די משנה. דער טעקסט פון דער תוספתא איז ענדגילטיק רעדאַגירט געוואָרן אין די שפּעטערע יאָרן.

די געלערנטע וועלכע האָבן געהאַלטן די משנה פאר א מין נייעם קאנאָן און אויף איר באזע אנטוויקלט נייע קאָנסטרוק-ציעס פון געזעץ — געדאנק, עטיק, מוסר און טעאָלאָגיע, האָבן געקריגן דעם נאָמען אמוראים (ד.ה. מפרשים). די ערשטע פון זיי זענען ארויסגעקומען פון יהודה הנשיאס שול און גע-הערט צו איר האָבן די מער באוואוסטע: ר׳ יהודה בר חמא, יהושע בן לוי, ר׳ ינאי פון צפורי.

צווישן דער צווייטער גרופע געלערנטע האָבן זיך אויסגע-צייכנט רבי יוחנן בר נפחא און שמעון בן לקיש (ריש לקיש)

רבי יוחנן פארנעמט צווישן די פאלעסטינער אמוראים אזא אָרט, ווי רבי עקיבא צווישן די תנאים. ער איז געווען א מענטש פון גרויסן וויסן, געהאט א גרויסן אויטאָריטעט צווי-שן די געלערנטע און זיינע החלטות, פרושים און אויסטייטשן ספקות פון דער משנה זענען געווען מאָסגעבנדיק אין די ישיבות סיי פון פאלעסטינע און אויך אין בבל.

זיין שוואָגער ריש לקיש האָט געהאט פיל שווערע פאסי-רונגען אין דער יוגנט. געליטן נויט, אַמאָל אפילו געמוזט צו-ליב פרנסה ארויסטרעטן אלס גלאדיאטאָר אין צירקוס. ער האָט געהאט גרויסע דיאלעקטישע פעיקייטן און אחוץ דעם האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט א ניכטערן, קריטישן בליק אויף דער געשיכטע און מסורה. ער האָט למשל געהאלטן, אז איוב איז אן אויסגעטראכטע געשטאלט, און אז די אַנגעלאָ-לאָגיע (די לערע וועגן מלאכים און שדים) איז פרעמד דעם יודאיזם און איז אהין אריינגעבראכט פון פרעמדע מקורות (בבלישע, פערסישע). אין דער צייט האָבן זיך פארשטארקט די וויסנשאפטלעכע באציונגען צווישן די פאלעסטינער און בבלער ישיבות און געלערנטע. די תלמידי-חכמים פלעגן וואַנ-

דערן פון איין לאנד צום צווייטן און איבערוויזן דעם סכום פון ידיעות און די שיטה פון פּאַרשן און לערנען.

פּאַראַלעל מיט די געזעץ־קענער זענען אויך געווען אין פּאַלעסטינע טעטיק די בעלי־אגדה (רבנן דאגדתא). על פּי רוב זענען זיי געווען מגידים (פּרעדיקער) אין די בתּי־הכנ־סיות, וו זיי פלעגן פאַרן פּשוטן פאָלק פאַרטייטשן מיט פאָלקסטימלעכע (פול מיט מוסר און עטיק) מימראות און מעשׂיות — די הייליקע שריפטן; זיי פלעגן ארויסטרעטן מיט אפּאָלאָגיעס פארן יידנטום און באקעמפן זיינע אָפּאָנענטן און קעגנער.

צו די פּאָפּולערסטע בעלי־אגדה האָבן געהערט שמואל בר נחמני, לוי בר חמא און אבא בר כהנא.

די ערשטע אמוראים (די בעלי־הלכה און בעלי־אגדה) האָבן פיל מיטגעווירקט צום שאפן דעם דריטן שטאָק פון דער יידישער מסורה, נאָך דער תורה שבכתב און דער משנה — דעם תלמוד ירושלמי און די מדרשים.

די לעצטע נשיאים אין פּאַלעסטינע

נאָך יהודה II הנשיא'ס טויט איז דער אויטאָריטעט פון די האלב־גייסטלעכע, האלב־וועלטלעכע מנהיגים זייער גע־פאַלן. יהודה דעם II־טנס נאָכפאָלגער זענען נישט געווען קיין גרויסע געלערנטע. זיי האָבן געשפּילט נאָר א ראָל פון אדמי־ניסטראַטאָרן, וועלכע האָבן מער געניצט דער רוימישער מאַכט (שטייערן־זאַמלער) איידער דעם פאָלק. זייער אויפפירן זיך מיט גדלות, זייער לעבן אין לוקסוס איז נאָר געווען אן אָפּשיין פון דער פרעמדער מאכט. ס'איז איבערהויפּט געבלי־

בן וויניק שפורן וועגן זייער לעבן און טעטיקייט. זייערע פאר־ביגדונגען מיט די געלערנטע איז געווען א שוואכע, איבער־הויפט אז דער צענטער פון יידישן וויסן האט זיך איבערגע־טראגן קיין בבל און די דארטיקע ישיבות האבן שוין דעמלט דאמינירט אין יידישן גייסטיקן לעבן. פון די לעצטע נשיאים דארף מען אויסרעכענען הלל II, וועלכער האט איינגעפירט דעם ביז היינט אקטועלן יידישן לוח און מיט דעם פאקט איז איבערגעריסן געווארן דער לעצטער פאדעם, וואס האט גע־בונדן די דיאספארע מיט דעם פאלעסטינער צענטער (דאס פעסטשטעלן ראש חודש און ימים־טובים). דער לעצטער נשיא גמליאל VI (400—425) איז געשטארבן אן א יורש און פון דעמלט אן איז אפגעשאפט געווארן די אינסטיטוציע פון פאטריארכאט — די אינסטיטוציע פון א געוויסער אויטא־נאמיע אין אייגענעם לאנד.

פאלעסטינע אונטער דער הערשאפט פון קריסטלעכן רוים און ביזאנץ (315 — 638)

די פאליטישע לאגע

די אויסשפרייטונג פון קריסטנטום אין דער רוימישער אימפעריע האט אין IV יארהונדערט, אין די צייטן פון פא־ליטישן און עקאנאמישן קריזיס פון דער גאנצער אימפעריע און פון פארשארפטע אינערלעכע קאנפליקטן, געברענגט צו אזא מצב, אז דער צד, וואס איז געווען געשטיצט פון די קריסטן, האט געהאט מער אויסזיכטן צו דערגאבערן פאפו־לאריטעט ביי די מאסן. דאס האט גוט פארשטאנען דער אימ־פעראטאר קאנסטאנטין דער גרויסער (312—337), און אין

קאמף קעגן זיין קעגנער מאַקסענציוס און שפּעטער לוציניוס האָט ער דערקלערט, אז ער און זיין ארמיי קעמפט פאר דער אמונה פון קריסטוס. נאָך זיין זיג (322) איז דאָס קריסטנ־טום דערקלערט געוואָרן, אין דער רוימישער אימפעריע, אלס מלוכה־רעליגיע. אין אָנהייב, ווען די וואָגשאָל פון זיג האָט זיך נאָך געוואַקלט, האָט קאָנסטאַנטין ארויסגעגעבן אן עדיקט (313 י.), אין וועלכן ער גלייכבאַרעכטיקט אַלע רעליגיעס, צווישן זיי אויך די יידישע. אין די שפּעטערע יאָרן פון זיין הערשאַפט מערן זיך די אנטי־יידישע עדיקטן. וואָס האָבן געהאט דעם ציל מיט דער הילף פון גזרות (פאַרבאָט מגייר צו זיין קריסטן, מל צו זיין שקלאַפן א.א.וו.) אָפּצוגרענעצן די יידן פון קריסטן און דערגיד'עריקן די יידן אַלס פאָלק. דאָס איז געווען א פּועל־יוצא פון די פארשטארקטע טענדענצן פון דער קירך איבערצורייסן די לעצטע פעדעם, וואָס האָבן זי פאַרבונדן מיטן יידנטום, און פון פארגרעסערן דעם איינפלוס פון דער קירך אויף דער פּאָליטישער און ציווילער מאַכט.

קאָנסטאַנטינס נאָכפאָלגערס זענען געגאנגען ווייטער און פארשארפט דעם אנטי־יידישן קורס. אין פּאַלעסטינע, וו די יידן האָבן נאָך געבילדעט א געוויסן פּאָליטישן און עקאָנאָ־מישן כוח, האָט דער געענדערטער מצב געבראַכט צו א נייעם אויפשטאַנד.

דער אויפשטאַנד פון נטרונאי

דער אויפשטאַנד איז פּאָרגעקומען אין דער צייט ווען דער אימפעראַטאָר גאַללוס האָט אָנגעהויבן א קאַמף קעגן די פּארטן און זיינע חיילות זענען געווען דיסלאָקירט אין גליל.

די יידן זענען געווען פארפליכטעט אויסצוהאלטן די לעגיאָ־
נערן, צאָלן פארגרעסערטע שטייערן און קאָנטריבוציעס,
דערצו האָט מען זיי דערנידעריקט און שיקאנירט אויף אלע
אופנים (זיי האָבן, למשל, געמוזט באַקן ברויט פאַרן מילי־
טער אין פסח). דער אויפשטאנד איז אויסגעבראָכן אין צפורי
(351 י.) און זיך שנעל איבערגעטראָגן קיין לוד און טבריה.
בראש פון די אויפשטענדלער איז געשטאנען נטרונאי. נאָך אַ
יאָר העלדישן און טראגישן געראנגל איז דער אויפשטאַנד
דערשטיקט געוואָרן דורך דעם אימפעראטאָרס לעגאט ארסי־
ציניוס. ס'האָט זיך איצט איבערגעחזרט די לאַגע פון אדריא־
נוס גזרות. צפורי איז פולשטענדיק חרוב געוואָרן, אויך די
אנדערע שטעט האָבן פיל געליטן. די עמיגראציע קיין בבל
האָט זיך פארגרעסערט. די תלמידי־חכמים האָבן געמוזט זיך
אויסבאהאלטן אָדער פארלאָזן דאָס לאנד.

די לאגע פון יידן אין דער גאנצער רוימישער אימפעריע
נאָך דעם, ווי דער מצב פון דער קריסטלעכער קירך איז גע־
וואָרן אַ הערשנדיקער, האָט זיך נאָך מער פארערגערט. אין
IV און V יאָרהונדערט זענען שוין די יידן, לויט די ארויסגע־
געבענע דורך די אימפעראטאָרן־קריסטן דעקרעטן, באגרע־
נעצטע בירגער. מע רופט זיי אָן inforiores (נידע־
ריקער קלאס מענטש) infames (אָן כבוד), turpes
(מיאוסע). מ'האָט פארבאָטן זיי חתונה צו האָבן מיט קריס־
טן, נישט דערלאָזט צו זיין מלוכהשע און מוניציפאלע־באאמ־
טע, נישט איינמאָל האָט דער פאנאטישער המון פאָגראָמירט
די יידישע איינוווינער און פארברענט זייערע בתי־הכנסיות.

מער ווייניקער צוויי רואיקע יאָרן האָבן די יידן געהאט
אין דער צייט פון אימפעראטאָר יוליאן אָפּאָסטאטא, דער
אָפּטריניקער (361—363), וועלכער האָט אין זיין קאמף קעגן

די פארטן געוואלט געווינען די שטיצע פון די יידן און זיי צוגעזאגט אפילו די רעסטיטואירונג פון זייער מלוכה אין פאלעסטינע. נאך דעם טויט פון אימפעראטאר טעאדאזיוס (395) צעפאלט זיך די רוימישע אימפעריע אויף צוויי טיילן — מערב־רוים און ביזאנץ. ביידע הויפטשטעט האבן וואס אמאל מער ארויסגעגעבן נייע אנטי־יידישע דעקרעטן. אין מערב־טייל, נאכדעם ווי די ווייזיגאטן פארנעמען רוים (V י״ה) קומט א געוויסע דערלייכטערונג פאר די יידן.

אין ביזאנץ, וואס אים איז ארונטערגעפאלן דער גאנצער אריענט מיט פאלעסטינע, אונטער דער הערשאפט פון פאנאטישע אימפעראטארן, זענען די יידן נאך מער פארפאלגט געווארן ווי פריער. אין יאר 404 האט האנאריום פארבאטן אנצונעמען יידן און שומרונים צו מיליטער־דינסט. טעאדאזיוס II האט אין יאר 434 פארבאטן פאר די יידן צו זיין באאמטע (אפילו וועכטער אין תפיסה) און צו זאגן עדות אין געריכט קעגן קריסטן. ער האט ליקווידירט די אויטאנאמיע פון יידישע בתי־דינים. פארחתמעט האט די אנטי־יידישע געזעצן דער אימפעראטאר יוסטיניאן I (527—565), דערקלערנדיק אין זיין נאוועלע 45, אז „די יידן זענען אן כבוד און גלויבן, זיי לעבן אין אן עקלדיקן מצב פון גייסט, און אזוי אויך עקלדיק איז זייער פארמעגן“...

אין די צייטן פון יוסטיניאנס הערשאפט זענען פארגעקומען אין פאלעסטינע צוויי בלוטארישע באוועגונגען פון די שומרונים, וועלכער זענען בלוטיק דערשטיקט געווארן. דער ביזאנטישער רעזשים אין פאלעסטינע איז געווען זייער א שווערער. די עקאנאמיק פון דעם לאנד האט געהאלטן אין איין פאלן. די עמיגראציע פון די יידן האט זיך פארשטארקט, דאס לאנד האט זיך ביסלעכווייז אויסגעליידיקט און איז חרוב

געוואָרן. נאָך איינמאָל האָט אויפגעלויכטן אַ שטראַל פון האָפענונג פאר דעם ישוב אין פאלעסטינע בעת די פארטן און צווישן זיי אויך יידישע מיליטער־איינהייטן מיט א געוויסער הילף פון דער יידישער באפעלקערונג אין לאנד האָבן דעראָבערט פאלעסטינע אין די צייטן פון אימפעראטאָר הערא־קליוסעס הערשאפט (614). פערצן יאָר האָבן די פארטן געהערשט אין פאלעסטינע. נאָך דעם ווען זיי זענען פארטריבן געוואָרן פון לאנד, האָט זיך הערא־קליוס אונטער דעם דרוק און איינפלוס פון דעם פאנאטישן קריסטלעכן קלער שטרענג נוקם געווען אין דער יידישער שארית הפליטה אין פאלעסטינע. דאָס לאנד איז כמעט לער געוואָרן פון יידן.

דער צוג פון די אראבער און דאָס דעראָבערן דורך זיי פאלעסטינע האָט פארחתמעט דעם פון הונדערטער יאָרן דויערנדיקן פראָצעס פון פארלירן דורך די יידן זייער היימלאנד און פארוואנדלען זיך אין וועלט־וואנדערער. זינט די ערשטע יאָרן פון דער רוימישער הערשאפט (נאָך פאמפעיוסן) ביז דעם אויפשטאנד אין די צייטן פון הערא־קליוסן, האָבן די יידן אין יהודה־פאלעסטינע פארשידנארטיק געקעמפט פאר דעם אייגנארטיקן לעבן אין אייגענעם לאנד. אין דער זעלבער צייט האָבן די יידישע אינטעלעקטועלע כוחות אין פאלעסטינע און אין בבל געשאפן גייסטיקע און אָרגאניזאציאָנעלע יסודות פון דעם נייעם לעבן, וואָס האָט דערווארט די יידן אין די נייע לענדער פון זייער צעשפרייטונג.

דער תּלמוד ירושלמי און די מדרשים

מיט דער ירידה פון דעם עקאָנאָמישן לעבן אין פּאַלעס־טינע, מיטן פאַלן פון דעם אויטאָריטעט פונעם פּאַטריאַר־כאַט אַלס אויסדרוק פון א געוויסער אויטאָנאָמיע, און נע־מענדיק אין אכט די דויערנדיקע עמיגראַציע אין די שכנות־דיקע לענדער, קומט פאָר אין פּאַלעסטינע א ירידה פון דער צאָל און באַדייט פון די געלערנטע. דערצו דאַרף מען נעמען אין אכט די רדיפות מצד דעם קריסטלעכן ביזאַנץ און די זאָרג פאַרן אומזיכערן מאָרגן, וועלכע האָבן געשטעלט פאַר די לעצטע דורות פון די אמוראים די דרינגענדיקע פראַגע פון אָפּהיטן דעם המשך פון תורה שבעל־פּה, וואָס האָט זיך ווײ־טער אָנגעזאַמלט פון די צייטן פון די ערשטע אמוראים — רבי יוחנן און שמעון בר נפחא. די פּאָליטישע לאַגע אין פּאַ־לעסטינע אין V—VI יאָרהונדערט איז נישט געווען גינסטיק פאַר שעפערישער אַרבעט. ס'הייבט זיך העמלט אָן די זאַמל־אַרבעט פון דעם ביז דעמלט געשאַפענעם, בכדי עס אָפּצוהי־טן פאַר די קומענדיקע דורות.

אַלס קאָלעקטיווע אַרבעט פון אַלע דורות פּאַלעסטינער אמוראים איז פאַרבליבן די גמרא אָדער תּלמוד ירושלמי. (גמרא באַדייט סיי לערע, סיי וויסנשאַפטלעכע צוגאָבן). די זאַמלער האָבן די גמרא פאַרשריבן אין דעם סדר פון משנה־אָפּטיילן, ד. ה. נאָך יעדן אַרטיקל פון דער משנה קומט דער פּירוש אָדער דער וויכוח וואָס האָט א שייכות צו דעם אַר־טיקל פון דער משנה.

צו אונדז איז דערגאַנגען פון דעם תּלמוד ירושלמי נאָר די גמרא צו פיר סדרים פון דער משנה. די גמרא צו די לעצ־טע סדרים אָדער זי איז נישט פולקאָם רעדאַגירט געוואָרן

אָדער פארלוירן געוואָרן. אַ וויכטיק אָרט פאַרנעמט אין דער פּאַלעסטינער גמרא די אגדה, ד. ה. די רעליגיעז־עטישע פּירושים און פאָלקס־לעגענדעס ארום דעם טרוקענעם הלכה־טעקסט. די שפּראַך פון תלמוד ירושלמי איז אראמיש־העברעיש און דער סטיל איז אַ שווערער. אין די שפּעטערדיקע דורות איז דער תלמוד ירושלמי געווען ווייניקער באַקאַנט ווי דער תלמוד בבלי, וואָס איז געוואָרן די הויפּט־לערע פון אַלע חדרים, ישיבות און געלערנטע אין דער גאַנצער דיאַספּאָרע.

אין דער צייט, ווען די אקאַדעמיעס און ישיבות האָבן כסדר געהערשט אין איין פאַלן, האָט זיך דאָס גייסטיקע לעבן אין פּאַלעסטינע קאָנצענטרירט אין די בתי־הכנסיות. דאָרט זענען טעטיק געווען די דרשנים — מאָראַליסטן און זייער אופן פון פאַרטייטשן די ביבל מיט לעגענדעס, פאָלקס־מימראות, משלים און מוסר־השכלים איז געווען זייער באַליבט ביי דעם פאָלק. אין די שווערע צייטן האָט דאָס פאָלק געפונען אַ טרייסט אין די ווערטער, וועלכע האָבן באַשריבן די גרויסקייט פון ישראל, פון זיין גאָט און לעבנס־שטייגער, און אין דער שיין־באַשריבענער און באַצירטער צוקונפט, וואָס דערוואַרט דעם פאָלק סיי אין עולם־הזה און איבערהויפּט אין עולם־הבא.

די דאָזיקע דרשות, פאַרשריבענע דורך די מגידים און דרשנים אָדער דורך סופרים, צונויפגעשטעלט אין זאַמלונגען, שאַפן די מדרשים. די מדרשים זענען אַ רעזולטאַט פון דער זאַמלאַרבעט, וועלכע האָט זיך געפירט אין משך פון יאָרהונדערטער. די גרונט־טיילן פון אַט דער ליטעראַטור שטאַמען פון V—VI יאָרהונדערט.

דאָס גרעסטע זאַמל־בוך איז באַקאַנט אונטער דעם נאָמען מדרש רבה (דער גרויסער מדרש). די עלטסטע טיילן

פון אים זענען: בראשית רבה און מדרשים צו געווּיסע קאַ־פּיטלען פון ויקרא, איכה, שיר השירים. עס געפינען זיך אין דער זאמלונג דרשות צו ביבל־טעקסטן.

צום צווייטן מין מדרשים געהערן: מדרש תנחומא און פסיקתא. אין יענע זאמלונגען האָבן מיר צו טאָן מיט דרשות צו הלכה־טעקסטן.

II

די דיאַספּאָרע אין נאָענטן מזרח

די געשעענישן אין יהודה-פּאַלעסטינע, די רדיפות נאָך יעדן נאַציאָנאַלן אויפשטאַנד און דאָס פּאַלן פון דעם פּאָליטישן און עקאָנאָמישן באַדייט פון דעם ישוב אין יהודה-פּאַלעסטינע אין די צייטן פון דער הערשאַפט פון קריסטלעכן ביזאַנץ און רוים האָבן גורם געווען א דויערהאַפטיקע עמיגראַציע פון פּאַלעסטינע אין די שכנותדיקע לענדער, און דאָרטן זענען געוואַקסן די ישובים. נאָך דעם ווי אין טראַיאַנס צייטן איז דער בונט פון די יידן אין דער דיאַספּאַרע בלוטיק דערשטיקט געוואָרן און די רוימער האָבן א סך קהלות חרוב געמאַכט, האָבן די נייע כוואַליעס עמיגראַנטן פון יהודה אויסגעברייטערט די דיאַספּאַרע. עס האָבן זיך אויסגעבילדעט נייע קאָלאָניעס, און דערווייל איז איינגעהאַלטן געוואָרן דער בונד מיטן נאַציאָנאַלן צענטער אין גליל. אָבער נישט לאַנג האָבן די ישובים אין סיריע (די גרויסע געמיינדע אין אַנטיאָכיע), אין קאַפּאַדאָקיע, פּאַלמירע (תדמור), אַלעקסאַנדריע און אַנדערע פּראָווינצן פון דער רוימישער אימפּעריע גענאָסן פון מנוחה סיי אין פּאָליטישער הינזיכט (א געוויסע אויטאָנאָמיע), סיי אין דער פּראַגע פון רעליגיעזן לעבנס-שטייגער.

ווען דאָס קריסטנטום איז געוואָרן א הערשנדיקער פאקטאָר אין דער ביזאנטישער אימפעריע, האָט די קריגערישע קירך און אירע פאנאטישע אָנהענגער געווירקט, אז די דאָזיקע יידישע ישובים האָבן קוים געקאָנט אָפּהיטן זייער רעליגיעז לעבן; זיי האָבן נישט אָפּגעשפּילט קיין באַדייטנדיקע ראָל אין יידישן קולטורעלן לעבן און גייסטיקער שאפונג. דאָס איז נוגע די יידישע קהלות וואָס זענען צעזייט געווען אין דער גאנצער באקאנטער וועלט פון מזרח־רוימישן אלטערטום.

גאנץ אנדערש זענען פארשריבן געוואָרן אין דער יידי־שער געשיכטע די ישובים אין אראביע און דער עיקר אין בבל, ווו ס'איז געשאַפן געוואָרן א נייער צענטער, וואָס איז געוואָרן א יורש פונעם צענטער אין יהודה־פּאַלעסטינע און האָט אָפּגעשפּילט א געוואלטיקע ראָל אינעם גראנגל פארן קיום פונעם יידישן פאָלק און זיין גייסט.

די יידן אין אַראַביע

אין אראביע האָבן די יידן לאנגע דורות געלעבט אין מנוחה צוזאמען מיט די אראבער. די אראבישע שפראך און לעבנס־שטייגער איז געווען גלייך ביי ביידע פעלקערשאפטן. די יידן האָבן זיך פארנומען, פונקט ווי די אראבישע שבטים, מיט פי־צוכט, גערטנערײ און טיילוויז מיט האנדל. די יידי־שע שבטים (בני נדירא) האָבן געוווינט אין פעסטונגען ביי יתריב (שפּעטער מעדינא) און חיבאר. די אראבער האָבן אָנגענומען א סך יידישע זיטן און אפילו רעליגיעזע מנהגים

אין תימן האָט דער אראבישער מלך אבו קאריבא (ארום 500 י.) מיט זיין גאנצער משפחה זיך מגייר געווען. זיין זון

יוסף האָט אפילו נאָך זיין קומען צו דער מאכט אָנגעווענדט רעפּרעסיעס לגבי ביזאַנטישע סוחרים פאַר די אַנטי־יידישע רדיפות אין ביזאַנץ. זיינע רעפּרעסיעס קעגן די קריסטלעכע סוחרים האָבן געבראכט צו א קריג מיט דעם קריסטלעכן מלך פון אביסיניע. די פאראייניקטע יידיש־אראבישע חיילות האָבן נישט אויסגעהאלטן דעם דרוק פון דעם שטארקערן שונא. ארומגערינגלט פונעם פיינט האָט זיך יוסף אראָפּגעוואָרפן אויף זיין פערד פון א הויכן בארג אין ים אריין און איז דער־טרונקען געוואָרן.

די יידישע אמונה האָט באאיינפלוסט די אראבער און געשאפן דעם יסוד פארן אנטשטיין פון א נייער רעליגיע — דעם איסלאם. דער שעפער פון דער נייער רעליגיע — מוחמד (570—632) האָט זיך מיט זיין נייער נביאות געווענדט צו די יידישע שבטים, און ווען זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו אָנער־קענען זיין שליחות, איז ער ארוים קעגן זיי מיט אן אומברח־מנותדיקן קאמף.

שטיצנדיק זיך אויף זיין אמונה, וואָס האָט געדארפט דינען דעם ציל פון פאראייניקן אלע אראבישע שבטים אין איין געמיינזאמען כוח — האָט מוחמד אָנגעהויבן זיין „קרייץ־צוג" פאַר פארשפרייטן „די אמתע אמונה" מיט א קאמף קעגן די נאָענטסטע כופרים, קעגן די יידן. נאָך דעם ווי ער האָט באזיגט די יידישע שבטים ביי זיין מוטער־שטאָט מעקקאַ, האָט ער באלאגערט יתריב (מעדינא) און נאָך א בלוטיקן קאמף פארטריבן פון דאָרט די יידן. אין דעם קאמף קעגן די יידישע שבטים (624—628) האָט מוחמד ארויסגע־וויזן פיל אכזריותדיקייט, די לעבן־געבליבענע מענער האָט ער פארוואנדלט אין שקלאפן און די פרויען גענומען אין הא־רעמס. דער קאָראַן (דאָס הייליקע בוך פון די מחמדאנער),

איז פול מיט דערציילונגען וועגן קאמף קעגן די יידישע כופ־רים. די דערציילונגען און אנטי־יידישע מימראות, וואָס גע־פינען זיך אין קאָראַן, האָבן נישט איינמאָל באגינסטיקט אנטי־יידישע רדיפות אין די מוזולמענישע לענדער אין די שפּעטערדיקע דורות.

נאָך מוחמדס טויט האָט זיך דער „הייליקער קריג פאר דעם אמתן גאָט אַללאַ און זיין איינציק־אמתן נביא מוחמד" פארשפּרייט אין גאנצן נאָענטן מזרח. מוחמדס תלמידים און אָנהענגער האָבן, אויספירנדיק די געבאָטן פון דעם קאָראַן, מיט פייער און שווערד אָנגעהויבן צו פארשפּרייטן די נייע אמונה. אין א היסטאָריש־קורצער צייט האָבן די אראבער פארנומען א גרויסן טייל פון דער ביזאנטישער אימפּעריע און די שטחים פון דער פּערסישער הערשאפט. דער איסלאם האָט אנטוויקלט ביי די אראבער א קאָלאָסאלע עקספּאנסיע־קראפט. די רעליגיעזע פליכט צו פירן דעם „הייליקן קריג" האָט געפּאסט צו די אייגנשאפטן פון די וואנדערנדיקע בע־דואינער און פארוואנדלט זיי אין דרייסטע דעראָבערער. זיי האָבן געהאַט צוגעזאָגט עולם־הבא אַלס שכר פאַר דעם טויט אין קאמף, און אויף דער וועלט האָבן זיי געקאָנט קריגן אַלס שכר רויב בשפע. און דאָס לעצטע האָט אָפּגעשפּילט נישט קיין קליינע ראָל.

איינער פון מוחמדס תלמידים אָמאר האָט נאָך א זעקס־יעריקן קאמף (634—640) דעראָבערט פאלעסטינע. ירושלים איז געפאלן אין 638 און אויפן הר־הבית, אויפן אָרט פון בית־המקדש האָט אָמאר געהייסן אויפבויען א מעטשעט, וואָס טראָגט ביז היינט זיין נאָמען, אַלס אָנדענק פון טריומף פון דעם איסלאם איבער דער מעטראָפּאָליע פון יודאיזם און קריסטנטום. אזוי ארום איז ירושלים געוואָרן הייליק פאר

אַלע דריי מאָנאָטעיסטישע רעליגיעס (די קריסטן האלטן ירושלים פאר דער שטאָט פון קריסטוסן, און די מוסולמענער רופן זי אל־קודש — די הייליקע).

דער יידישער צענטער אין בבל פון דער עלטסטער צייט ביז דעם דריטן יאָרהונדערט

דער יידישער ישוב אין בבל האָט עקזיסטירט פון דורות. די ערשטע צוואנגס עמיגראציע פון ארץ־ישראל קיין בבל איז פאָרגעקומען אין די צייטן, ווען דער מלך פון אשור שלמנסר (720 פ.ג.ע.) האָט פאריאָגט אין גלות די „צען שבטים" פון מלכות ישראל. זייער גורל איז אומבאקאנט. מסתמא האָבן זיי זיך אויסגעמישט צווישן די שכנותדיקע פעלקער, און א טייל פון זיי האָט זיך אריינגעגאָסן אין די גולי בבל פון יהו־דה (586 פ.ג.ע.). אין כורשעס צייט (49 יאָר נאָך דעם חורבן בית ראשון) איז נאָר א קליינער טייל פון דער יידישער באַ־פעלקערונג צוריקגעקומען קיין יהודה, די מערהייט איז פאר־בליבן אין בבל. די יידישע קאָלאָניע האָט דאָרטן געלעבט א רויק לעבן במשך פון הונדערטער יאָרן. עס האָבן זיך גע־טוישט ממשלות: נאָך די אַלט־פערסישע אכמענידן־זענען גע־קומען די סעלייקידן (312 פ.ג.ע.), די לעצטע זענען פארבי־טן געוואָרן דורך די פארטער (אינמיטן 200 י. פ.ג.ע.), און דאָס יידישע בבל האָט זיך אנטוויקלט, אָפּהיטנדיק זיין לעבנס־שטייגער און נאציאָנאַלע קולטור און איינגעהאלטן דעם גייסטיקן צוזאמענבונד מיט דער מעטראָפּאָליע אין יהו־דה.

אונטער דער ממשלה פון דער פארטער־דינאַסטיע אראַס־קודן האָבן די יידן אין בבל רואיק דורכגעלעבט יאָרהונדער־טער, אין דער צייט ווען אין יהודה זענען פאָרגעקומען שטור־מישע געשעענישן פון דעם אויפשטאנד פון די חשמונאים ביז בר־כוכבא. די יידן אין בבל האָבן געהאט פיל מיטלייד פאר דער מעטראָפּאָליע און פארן גורל פון איר פאָלק און נישט איינמאָל געקומען זייערע ברידער צו הילף אפילו מיט מיליטערישע אקציעס. (למשל, אין טראיאנס און אין אד־ריאנס צייטן).

יעדע קאטאסטראָפע אין יהודה האָט געבראַכט נייע כוואליעס פון עמיגראנטן קיין בבל און צווישן זיי אויך א סך געלערנטע. דאָס האָט פארשטארקט דעם בבלער ישוב און זיין גייסטיק לעבן. פיל יוגנט פון בבל האָט געלערנט אין די אקא־דעמיעס פון יהודה און גליל, און קומענדיק צוריק אהיים בא־רייכערט דאָס געזעלשאפטלעכע און קולטורעלע לעבן אינעם ניי־אויפקומענדיקן צענטער. די יידן אין בבל האָבן געלעבט אין קאָמפּאקטע מאסן; די שטעט נהרדעה, פומבדיתא, מחו־זא, סורא און די ארומיקע דערפער און שטעטלעך האָבן פאר־מאָגט א יידישע מערהייט. די פארטן, וואָס זענען געווען קרי־געריש לגבי חוץ, זענען אינעווייניק אין לאנד געווען טאָלע־ראנט לגבי די פעלקער־מינדערהייטן, צו זייער קולטור און אויטאָנאָמישע אינסטיטוציעס. זיי האָבן זיך סיי ווי סיי געמוזט רעכענען מיט אזא גרויסן פּאָליטישן, ווירטשאפטלע־כן און קולטורעלן כוח, וואָס עס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די קאָמפּאקטע מאסע יידן.

אונטער דער ניי־פערסישער מלוכה, וואָס האָט געדויערט פיר הונדערט יאָר (פון 226 י.), האָבן די יידן אין אָנפאנג געליטן פון רדיפות צוליב רעליגיעזע טעמים. די פערסישע

פריסטער און מאגן — אָנהענגער פון פייער-קולט — האָבן מיט כוח געוואָלט צווינגען די יידן אָנצונעמען זייער גלויבן. אָבער נישט לאנג האָבן געדויערט די רדיפות. די יידן זענען געווען זייער אן אנזעעוודיקער טייל פון דער באפעלקערונג און מען האָט זיי נישט געקאָנט איגנאָרירן פּאָליטיש. שוין דער קעניג שאבור I (241—272) האָט זיך באַצויגן צו די יידן מער יושרדיק. ער האָט זיך אָפּגעגעבן א דין וחשבון, אז פירנדיק מלחמה מיט רוים מוז ער געניסן פון אַזאַ אינטערנאציאָנאַלן כוח, וואָס עס בילדן די יידן און באקומען זייער פּאָליטישע אונטערשטיצונג און מאַטעריעלע מיטהילף. אין די שפּעטערדיקע צייטן פון דער פּאַרטישער הערשאַפט האָבן זיך נישט באַנייט קיין פּרוּוון צו באַגרענעצן די בירגער-רעכט און זעלבסטפארוואלטונגס-פרייהייט פון די בבלער יידן. און טאקע אין דער דאָזיקער עפּאָכע שטעלט זיך בבל אין איין ריי מיט פּאלעסטינע אלס אויטאָנאָמער נאציאָנאלער צענטער פון דעם יידישן פאָלק. זייער א וויכטיקן גורם און גרונט צו דעם אויבנדערמאָנטן פּאָליטישן מצב פון דעם בבלער ישוב האָט אָפּגעשפּילט זיין עקאָנאָמיק.

די קאָמפּאקטע מאסע יידן האָבן זיך פארנומען מיט ערד-ארבעט אלס גרונט-יסוד פון זייערווירטשאפטליכן לעבן. געבליט האָט אויך די מלאכה אין אלע אירע ארטן. יידן האָבן זיך אויך פארנומען מיט גראָבן קאנאלן, מיט בוי-ארבעט. א קלענער פּראָצענט האָט זיך פארנומען מיט אויסערלעכן און אינערלעכן האנדל. די לפּי ערך נאָרמאלע — פאר יענע צייטן — יידישע עקאָנאָמיק אין בבל האָט מיטגעווירקט דערצו, אַז די יידישע זעלבסטפארוואלטונג איז געשטאנען אויף געזונטע יסודות. די זעלבסטפארוואלטונג איז אָבער קודם כל געווען א געוועהר אין האנט פון די רייכע גרוים-באזיצנדיקע שיכ-

טן. די סאָציאַלע דיפערענציאַציע ביי די בבלישע יידן איז געווען זייער גרויס, דער אונטערשיד צווישן אָרעם און רייך — זייער טיף.

די עקזילאַרכן און די קהלות

בראש פון דער יידישער זעלבסטפארוואלטונג אין בבל איז געשטאַנען דער ראש הגולה אָדער — אויף אראמיש — ריש גלותא (אין גריכיש־לאטייניש: עקזילארך). די עקזילאר־כן האָבן געצויגן זייער יחוס־בריוו פון מלכות בית דוד, פון יהויכין מלך יהודה און זיין אייניקל זרבבל. קיין היסטאָרי־שע באגרינדונג צו דעם יחוס פארמאָגן מיר נישט. די ערשטע שפורן וועגן עקזילארכן געפינען מיר אין תלמוד אין III יאָר־הונדערט.

דער הויכער אמט פון בבלער עקזילארך האָט אנטשפראָכן דעם אַמט פון פאַלעסטינער נשיא, אָבער ער האָט זיך אונטער־געשיידט פון דעם לעצטן מיט א גרעסערער מאכט און פּאָלי־טישן כאראקטער. אין פערסיע, ווו יעדע פראָווינץ האָט גע־האַט איר סאטראפּ, זענען די ריש גלותאָס געווען א מין ירושה־סאטראפּן איבער די יידן. זיי האָבן זיך געפירט מלכות־דיק, געווען געקליידט אין פורפור און גאָלד, געפירט א פּראכטפולן, כמעט מאָנארכישן הויף און געווען נאָענט צום קעניג. די הכנסות האָבן זיי געשעפּט פון די יידישע שטייערן אין געלט און אין נאטור. די פאלעסטינער נשיאים האָבן געקוקט מיט קנאה אויף זייער גדלות.

די פונקציעס פון עקזילארך זענען געווען זייער ברייט. ער איז געווען פאר די בבלער יידן דער העכסטער ריכטער אין

אַלע ציווילע און קרימינעלע פּראָצעסן. די ריכטער אין די קהלות פלעגט ער באַשטימען פּערזענלעך.

ער איז אויך געווען דער העכסטער יידישער אדמיניסטראַטאָר: ער האָט געהאַט די אויפזיכט איבער דער אָרדענונג אין די יידישע קרייזן און שטעט, די קאָנטראָל איבער מאָסן און וואָגן. די עקזילאַרכן האָבן געהאַט אַ שטאַרקע אויספירמאַכט און דאָס רעכט פון „בייטש און שטעקן" לגבי די, וואָס האָבן זיך געצעגערט מיטן צאָלן די שטייערן לטובת דער מלוכה־קאַסע אָדער לטובת זייער הויף. אָפט האָבן זיך געפונען צווישן זיי דעספּאָטן, וואָס האָבן אָן רחמנות אונטערדריקט דאָס אייגענע פאָלק צוליב זייערע הויף־אינטערעסן. ס'האָבן אויך נישט געפעלט צווישן זיי עמי־הארצים, וואָס זייער איינציקע באַצירונג איז געווען דאָס גדלות און דער אדמיניסטראַטיווער כוח. דאָס האָט געבראַכט צו סכסוכים מיט זיי געלערנטע און צו אַ קאָנפליקט מיט די פאָלקס־מאַסן.

די רעזידענץ־שטאָט פון ריש גלותא איז געווען נהרדעא.

די ישיבות אין בבל, רב און שמואל

כמעט אַלע גרעסערע יידישע שטעט אין בבל האָבן געהאַט אייגענע ישיבות. ביז צו דעם III יאָרהונדערט האָבן זיי נישט אָפּגעשפּילט קיין זעלבשטענדיקע גרויסע ראָל אין יידישן וויסנשאַפטלעכן לעבן. זיי האָבן זיך געפונען אונטערן איינפלוס פון די אקאדעמיעס פון יהודה און שפּעטער פון גליל, וואוהין עס פלעגן קומען פון הללס צייטן אָן יונגעלייט כדי צו דערגענצן זייערע לימודים. דער אויפשטייג פונעם אקאדעמישן לעבן אין בבל הייבט זיך אָן אין דער ערשטער העלפט

פון III יאָרהונדערט מיט דער טעטיקייט פון צוויי גרויסע געלערנטע: אבא אריכא און שמואל ירחינאי.

אבא אריכא — רב. ער איז געבוירן געוואָרן אין בבל און האָט שטודירט אין ציפורי אין דער אקאדעמיע פון רבי יהו־דה I הנשיא. שוין דעמלט איז ער געוואָרן א געלערנטער און אין אפילו געווען טעטיק ביי דער ארבעט פון רעדאגירן די משנה. קומענדיק קיין בבל האָט מען אים צוליב זיין גרויסן וויסן גערופן סתם רב (געלערנטער, מייסטער), גלייך ווי רבי יהודהן — רבי. אין אָנהייב האָט ער פאַרנומען דעם אמט פון "מתורגמן" (איבערזאָגער), ד.ה. אסיסטענט פון דער נהרדע־אער שול, נאָכדעם האָט ער אָנגענומען פון ריש גלותא דעם אמט פון „אגראָנאָם", ד.ה. האנדלס־אויפזעער און קרייז־אינספעקטאָר. פירנדיק זיין אמט און ארומרייזנדיק איבערן לאַנד האָט רב גוט דערקענט דעם יידישן לעבנס־שטייגער און געזען די חסרונות פון זייער לעבן און עם־הארצות. דורכמאַ־כנדיק די שול פון וויסן און פון לעבן, האָט זיך רב אינגאנצן געווידמעט דער זאך פון פארשפרייטן וויסן צווישן פאָלק אלס גרונט־פאָרם פון קאמף פאר קיום־האומה.

אין דער שטאָט סורא האָט ער געגרינדעט אַ העכערע שול לויטן מוסטער פון די פאַלעסטינער אקאדעמיעס (219 י.). אין דער שול (מתיבתא אָדער סדרא אויף אראמיש) זענען אָנגעקומען פיל געלערנטע פון בבל, און זייער צאָל איז געוואָקסן ביז 1200. די לעקציעס אין דער סדרא זענען פאָר־געקומען, כדי מען זאָל נישט שטערן די פעלד־ארבעט, צוויי חדשים אין יאָר: אין אָדר און אין אלול. די חדשים פון גרויסע פארזאמלונגען פון צוהערער האָט מען גערופן ירחי דכלה. די ירחי דכלה זענען געווען א מין פאָלקס־אוניווער־סיטעט.

רב האָט מיט זיך מיטגעבראַכט די משנה פון ר׳ יהודה I און אין זיין שול האָט מען זי געפאָרשט און פאַרטייטשט, צופּאַסנדיק אירע הלכות צו דער צייט און צו די לאָקאַלע לעבנס־באַדינגונגען. רב איז געוואָרן דער שטאַם־פאָטער פון די בבלער אמוראים. פּונקט ווי ר׳ יוחנן, בר נפּחא פאַר די פּאַלעסטינער. זיינע החלטות, אַזוי גערופענע מימרות, אין די פראַגן פון הלכה, זענען געווען מאַסגעבנדיק אין בבל אַפילו אין פּאַלעסטינע. אַחוץ מיט טעאָריע האָט זיך רב אויך פאַר־נומען מיט דער פּראַקטיק פון געזעץ. ער האָט, למשל, פאַר באָטן חתונה צו מאַכן קינדער קעגן זייער ווילן.

די פרייע צייט נאָך דער אַרבעט איבער דער הלכה פלעגט רב ווידמען דער אגדה און דער רעליגיעזער פּאָעזיע. מע קאָן אים האַלטן פאַר דעם פּאָטער פון דער סינאַגאָגאַלער ליטור־גיע און פּאָעזיע. אים האַלט מען פאַר דעם מחבר פון די פּאָע־טישע תפילות „מלכיות, זכרונות, שופרות" פון מוסף ראש־השנה און פון „עלינו לשבח", וועלכע גלויביקע יידן זאָגן טאָג־טעגלעך ביים דאַווענען שחרית.

רבס צאָלרייכע עטישע מימרות ווייזן אָן אויף זיינע דע־מאָקראַטישע נייגונגען, און זיין אויפפירונג און אַכטונג פאַר אַרבעט, אויף זיין האַס צו גאווה. מען האַלט אים צוליב דעם פאַר הלל׳ס אַ נאָכפאָלגער, כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין נאַטור און אָנשויונגען זענען די צוויי מימרות: „ווער עס האָט נישט קיין מיטגעפיל פאַר זיינע נאָענטע, געהערט נישט צום שטאַם פון אברהם"; „פאַר פיר עבירות פאַרלירן מענטשן זייער פאַרמעגן: דערפאַר וואָס אייניקע פאַרהאַלטן דעם לוין פון די אַרבעטער; אַנדערע רויבן צו דעם לוין; די דריטע וואַר־פן פון זיך אַראָפּ די לאַסט (פון אַרבעט) און וואַרפן זי אַרויף

אויף זייערע נאָענטע; און די פּערטע דערלויבן זיך א גאַווהדי־קע באַציונג (צו אַרבעטנדיקע, צו אַרעמעלייט)".

רב האָט געלערנט אין סורא 28 יאָר (219—247) און איז געשטאָרבן א זקן. באַוויינט איז ער געוואָרן פון דעם גאַנצן יידנטום. אלס צייכן פון טרויער האָבן די כלות אין בבל א גאַנץ יאָר נישט אָנגעטאָן קיין קרענץ אין טאָג פון חתונה.

שמואל (160—257). רבס חבר און מיטאַרבעטער, שמואל ירחניאי, אויך ר' יהודה הנשיאס תלמיד, איז געווען א ריש מתיבתא (רעקטאָר פון שול) אין נהרדעא. ער האָט געהאַט וויניקער ידיעות אין דער הלכה אין פאַרגלייך מיט רבן, אָבער ער איז געווען מער טעטיק אויף דעם געביט פון פּראַקטישן געזעץ. באַקאַנט איז זיין החלטה אז „דינא דמלכו־תא דינא" (דאָס געזעץ פון דער מלוכה איז געזעץ), וועלכע מען האַלט פאַר א צופּאַסונג צו דער עקזיסטירנדיקער סאָ־ציאַלער אָרדענונג. ער האָט איינגעפירט א כלל, אז דער ריווח אין האַנדל טאָר נישט זיין גרעסער ווי א זעקסטל פון קאַ־פּיטאַל.

שמואל איז אויך באַקאַנט אלס אַסטראָנאָם און קענער פון מעדיצין. ער פלעגט זאָגן: „באַקאַנט זענען מיר די וועגן פון הימל (שטערן און פּלאַנעטן) אזוי ווי די גאַסן פון נהר־דעאָ". ער האָט געשאַפן א קאַלענדאַר אויף פופציק יאָר פאָ־רויס, אָבער ער האָט אים נישט פּובליצירט, ווייל ער האָט נישט געוואָלט איבעררייסן די לעצטע פעדעם, וואָס האָבן פאַרבונדן בבל מיט דעם צענטער אין פּאַלעסטינע (ווי באַ־וווסט, האָט פּאַלעסטינע געהאַט דעם מאָנאָפּאָל פון פעסט־שטעלן די דאַטעם פון ימים־טובים).

שמואל אלס פּראַקטישער מענטש, האָט געהאַט א גרויסע נטיה צום פרייען געדאַנק. ער האָט צ.ב. אין קעגנזאַץ צו די

מיסטיקער געהאַלטן, אַז די פראַגע פון די משיחס צייטן איז נאָר געבונדן מיט אויסקעמפן פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט, און נישט מיט פאַרשידענע אותות און מופתים. פאַר אַזעלכע דעות האָבן אים די קאָנסערוואַטיווע קרייזן פון בבל און גליל חושד געווען אין פרייד־ענקעריי און אפילו נישט געוואָלט טי־טולירן רבי. נאָך רבס טויט איז שמואל געווען רעקטאָר אין סורא אין משך פון 10 יאָר.

די גייסטיקע טעטיקייט פון רב און שמואלן האָט געהאַט זייער וויכטיקע פאָלגן. דער דורשט נאָך וויסן האָט זיך פאַר־שפּרייט צווישן יידן אין בבל. די משנה איז געלערנט געוואָרן מאסנווייז. אפשר קודם כל דערפאַר, ווייל אירע דינים זענען געוואָרן רעאַליזירט אין דער פּראַקטיק, אין דער יידישער זעלבסטפאַרוואַלטונג און אין געריכט. די השפּעה פון די אקאַ־דעמיעס איז געוואַקסן. עס האָט זיך אויסגעבילדעט אין דער צייט אַ גאַנצע היעראַרכיע וועלטלעכע און גייסטלעכע באַ־אַמטע (אחוץ דעם ריש גלותא): ריכטער, ראש־ישיבות, גע־זעץ־לערערס, און זיי האָבן אָנגעפירט מיט די ענינים פון די בבלער קהילות אין גייסט פון דער יידישער געזעצגעבונג.

דער צווייטער דור אמוראים אין בבל

נאָך שמואלס טויט האָט זיין אָרט אין נהרדעא פאַרנומען זיין יונגער תלמיד רב נחמן בר יעקב. דעם אמט האָט ער גע־קריגן צוליב משפּחה־פאַרבינדונגען; ער איז געווען דעם ריש־גלותעס איידעם. אין זיין צייט האָט די אינוואַזיע פונעם פּאַל־מירער פירשט אדענאַט חרוב געמאַכט נהרדעא. רב נחמן איז אריבערגעפאָרן קיין מחוזא און אין דער דאָרטיקער ישי־בה קאָנטינואירט זיין טעטיקייט. רב נחמן איז געווען אַ גו־

טער קענער פון ציוויל־רעכט־וויסנשאפט, און אין א סך פאלן האט ער זיך צוגעפאסט צום מלוכה־געזעץ.

נאך רבס טויט איז אין שפיץ פון דער סורער מתיבתא געשטאנען רב הונא. געלעבט האט ער פונקט ווי א סך געלערנטע פון יענער צייט פון ערד־ארבעט. אפילו נאכדעם, ווי ער איז רייך געווארן און געקריגן דעם טיטל רב האט ער ווייטער אליין געארבעט אויפן פעלד. אין אופן פון לערנען איז ער און זיין תלמיד און נאכפאלגער חיסדא געגאנגען נאך רבס שיטות, מיט ערפורכט האט מען זיי גערופן „די סורער זקנים".

נאכדעם ווי נהרדעא איז חרוב געווארן, האבן זיך די בעסטע כוחות צווישן די געלערנטע קאנצענטרירט אין פומבדיתא: בראש פון דער דארטיקער מתיבתא איז געשטאנען שמואלס א תלמיד ר' יהודה בן יחזקאל. צוליב זיין שארפזיניקייט און טאלאנט אין דיאלעקטיק און פלפול האט מען אים גערופן דער „חריף". די קעגנער פון זיין סכאלאסטישן אופן פון פארשן האבן זיך געוויצלט, אז „ער קאן דורכלאזן א העלפאנט דורך א לעכל פון א נאדל".

אין III יארהונדערט זענען נאך די פארבינדונגען צווישן די ישיבות פון בבל און פאלעסטינע געווען זייער שטארק; זיי האבן זיך קעגנזייטיק געניטיקט אין זיך, די בבלער ישיבות האבן זיך מער אנגעשפארט אויף די פון דער מעטראפאליע. אין די שפעטערע צייטן האט זיך די לאגע געענדערט: די הערשאפט פון קריסטלעכן רוים און ביזאנץ אין פאלעסטינע און די רדיפות קעגן יידן האבן געבראכט צו א ירידה פון די גלילער ישיבות. די געלערנטע פון דער געוועזענער מעטראפאליע נויטיקן זיך שוין איצט אליין אין דער הילף פון דער בבלער קאלאניע.

דער דריטער און פערטער דור אמוראים אין בבל

(IV יאָרהונדערט)

רבא בר נחמני (270 — 330). ער איז געבוירן געוואָרן אין בבל און געלערנט האָט ער אין דער גלילער ישיבה, אין טבריה, ביי דעם באקאנטן ר' יוחנן בר נפחא. אלס אָנער־קענונג פאר זיין שארפזיניקייט האָט מען אים גערופן „עוקר הרים" (בערג־רייסער). זיינע פארטראָגן פול מיט דיאלעקטיק אין פומפדיתא — וו ער איז געווען רעקטאָר — אין וועל־כע עס האָט אויך נישט געפעלט דער עלעמענט פון אגדה, האָבן צוגעצויגן פיל תלמידים (ביז 1200). אין די ירחי דכלה פלעגן קומען הערן זיינע לעקציעס ביז 12.000 מענטשן. זיי־נע קעגנער האָבן אים געמסרט צו דעם שררה און דעם קעניג שאבור II און דער האָט באפוילן צו ארעסטירן אים. (ווייזט אויס, אז זיינע פאָרטראגן זענען געווען דורכגעפלאָכטן מיט מרידה־אָנצוהערענישן). ס'איז אים געלונגען צו אנטלויפן, אָבער ער האָט געמוזט זיך ארומוואלגערן אין פארשידענע באהעלטענישן און אין גלות און נויט פארענדיקן זיין לעבן (330 י.).

אביי און רבא. דער ערשטער איז געווען ריש מתיבתא אין פומפדיתא, דער צווייטער אין מחוזא. זיי האָבן דעם קא־זואיסטישן אופן פון לערנען דערפירט צו דער העכסטער מדרגה. מען קאָן די צוויי געלערנטע בפירוש האלטן פאר די אבות פון דער שפעטערדיקער ראביניסטישער סכאָלאסטיק אין מיטלאלטער. די שארפע וויכוחים צווישן די צוויי אָפּאָ־נענטן, פול מיט פלפול, האָבן געשארפט די מוחות (כאָטש איינזייטיק) און באאיינפלוסט די שפעטערדיקע דורות פון תלמוד־לערנער.

די אַרבעט פון זאַמלען און רעדאַגירן דעם תלמוד

(V — VI יאָרהונדערט)

אין מיטן V יאָרהונדערט הייבט זיך אָן פארערגערן אויף אַ געווויסער צייט (כמעט 100 יאָר) די פּאָליטישע לאַגע אין בבלער צענטער. די מאַגן געווינען אַן אַלץ גרעסערן איינפלוס אין לאנד. דער קעניג יעזדעגארד II (438—457) הייבט אָן רודפן יידן און קריסטן. די רדיפות האָבן זיך נאָך מער פארשטארקט אין דער צייט פון קעניג פירוז (457—486). מ'צן האָט היעמלט פּאָגראָמירט די יידישע שטעט, געברענט סינאגאָגעס און געצוואונגען די פאריתומטע פון געהרגעטע עלטערן קינדער אָנצונעמען דעם קולט פון פייער. אין דער צייט פון קעניג קאבאד האָט זיך צעפלאקערט א בירגער-קריג, וואָס זיינע עיקרדיקסטע סיבות זענען געווען סאָציאל-עקאָנאָמישע. די סעקטע זענדיקן האָט פראָקלאמירט א קאמף פאר סאָציאלן יושר, פאַר גלייכהייט צווישן מענטשן און פרייהייט פון געשלעכטס-באציונגען. די הונען, וואָס זענען געקומען צו הילף דעם קעניג קאבאד, האָבן חרוב געמאכט דאָס לאנד, און נישט ווייניק האָבן ביי דעם געליטן די יידן.

דער אויבנדערמאָנטער אומרואיקער פּאָליטישער מצב און אויך דער פאקט, וואָס אין דער שיטה פון לערנען אין די מתיבתאות האָט איבערגעוויגן די סכאָלאסטיק, האָט געווירקט דערצו, אז די לעצטע דורות פון די אמוראים האָבן זיך געשטעלט די אויפגאבע פון סיסטעמאטיזירן די אָנגעזאמלטע אוצרות פון דער גייער תורה שבעל-פה (די פרושים און אויסברייטערונגען צו דער משנה) און אפהיטן זיי פאַר די שפּעטערדיקע דורות.

אָנגעהויבן האָט די דאָזיקע אַרבעט דער גרויסער געזעצ־לערער רב אשי (352—427). ער איז געשטאַנען בראש פון דער אַקאַדעמיע אין סורא, וועלכע איז אין זיין צייט געוואָרן די עיר ואם אין בבל. מיט זיין גרויסן אויטאָריטעט האָט זיך אַפילו גערעכנט דער ריש גלותא. ווען דער ריש גלותא פלעגט קומען אויף שבת קיין סורא (אין די האַרבסט־ימים־טובים), פלעגן פון גאַנצן לאַנד קומען דעלעגאַציעס, כדי צו באַגריסן דעם עקזילאַרך און אָפּגעבן כבוד דעם ראש־מתיבתא רב אשין. אויך אין די כלה־חדשים איז סורא געווען איבערפולט מיט תלמידים און סתם פאָלקס־מענטשן, וואָס האָבן זיך צוגעהערט צו די לעקציעס פון די באַרימטע געלערנטע.

רבי אשי האָט געזען, אַז דער גרויסער מאַטעריאַל פון דער גמרא קאָן גיין לאיבוד, האָט ער מיט דער הילף פון אַנדערע געלערנטע און תלמידים אָנגעהויבן שאַפן אַן איינהייטלעכן קאָדעקס, ליקווידירן דעם מישמאַש, וואָס האָט געהערשט אין דער הלכה און פאַרבינדן סיסטעמאַטיש „די דריי שטאָק פון דין" (די תורה, די משנה און דאָס לערנען און פאַרשונג פון די אמוראים). אין זיין צייט האָט מען אָנגעהויבן צו פיקסירן שריפטלעך דעם דאָזיקן בנין — ד.ה. מען האָט דורכגעפירט די יסוד־אַרבעט פון דער רעדאַקציע פון תלמוד־בבלי.

די דאָזיקע אַרבעט איז פאַרענדיקט געוואָרן דורך די אמוראים פון לעצטן דור (470—506) אין די מהומות־יאָרן פון פירוזן און קאַבאַדן.

די אַרבעט פון אַפּשליסן דעם תלמוד האָבן אויסגעפירט רבינא בר הונא און ר' יהושע מיט דער הילף פון זייערע חברים. דאָס יאָר פון רבינאס טויט (409 אָדער 500) האַלט מען פאַרן יאָר פון חתימת התלמוד.

דער תלמוד בבלי באשטייט פון זעקס סדרים און 63 מסכתאס, לויט דער צאָל סדרים און מסכתאס פון דער מש־נה, אָבער נאָר 37 מסכתאס פון דער משנה האָבן צו זיך גמרא. דער גרעסטער טייל פון די משנה־מסכתאס „זרעים“ און „טהרות“, וואָס אנטהאלטן בטל־געוואָרענע דורכן חורבן דינים וועגן מעשר און ריטועלע רייניקונגען, זענען פארבליבן אָן גמרא.

אין תלמוד בבלי קומען נאָך יעדן ארטיקל פון דער משנה אויף פיל זייטן די פולסטע פאנאנדערגעארבעטע אויספירונ־גען פון די אמוראים, וועלכע פארטייטשן, פארברייטערן, דערגענצן און דערגענטערן צום דעמלטיקן לעבן דאָס געזעץ.

צוליב זיין סיסטעמאטישקייט און פולקייט האָט דער בבלער תלמוד פארדרוקט אין שאָטן דעם פראגמענטארישן תלמוד ירושלמי. דער לעצטער האָט שוין געהאט בלויז אַ הי־סטאָרישן ווערט, בעת דער בבלער תלמוד איז געוואָרן דאָס אלגעמיין געברויכטע לערנבוך אין די שולן, דער קוואל פון געזעץ־קענטעניש און פון פראקטישער געזעצגעבונג. די שפראך פון תלמוד בבלי איז העברעיש־אראמיש.

דער תלמוד איז אן אוצר פון גייסט, אויף וועלכן עס האָבן געארבעט איבער 2000 געלערנטע אין משך פון הונדערטער יאָרן. אלע זייטן פון דעם לעבן און אויך די טראדיציעס פון אַלטע דורות זענען דאָרטן אָנגעזאמלט. דער תלמוד אנטהאלט פראגן פון רעליגיע, קולט, געזעץ, אסטראָנאָמיע, מעדיצין און פאר אלעם—עטיק און מוסר. דער ריזן־מאטעריאל, וואָס איז געזאמלט אין 12—18 בענדער דרוק אין פאָליאָ, נעמט אין זיך אריין פארשידנארטיקע מחשבות און דעות, און מיט דעם איז פארשטענדלעך דער פאקט, וואָס נישט איינמאָל געפינען מיר דאָרטן נעבן וויכטיקע פּראָבלעמען אויך אריינגעפלאָכ־

טענע זייטיקע, אומנויטיקע און סתם חקירהדיקע זאכן, און דער דאָזיקער באַלאַסט פאַרשווערט די דורכזעעוודיקייט פונעם טעקסט. סימפּטאָמאַטיש פאַר דעם תלמוד איז די דיאַלעקטיק, וואָס גייט אָפּט איבער אין פּלפּוליסטיק און סכאָלאַסיק, און דאָס מאַכט שווער דאָס לייענען און שטודירן דעם טעקסט. דער לערנער פון דעם תלמוד אָטעמט אָבער באַלד אָפּ, ווען ער קומט צו זיין אגדה־טייל, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אן אוצר פון פאָלקסטימלעכקייט, פאַנטאַזיע, און אָפּקלאַנגען פון אמתע געשעענישן, פאָלקס־חכמה און אייגנאַרטיקער פּאָעזיע.

דער תלמוד אַלס שפּיגל פון דעם יידישן לעבן אין דער תקופה פון זיין שאַפונג

אינעם תלמוד קאָן א טיכטיקער פאָרשער געפינען דאָס בילד פון לעבנס־שטייגער פון די יידן אין פּאַלעסטינע און אין בבל אין די צייטן פון דער פּאַלעסטינער־בבלער העגעמאָניע. די תלמודישע ליטעראַטור זאָגט עדות וועגן דער עקאָנאָמיק און געזעלשאַפטלעכע באַציונגען פון דעם דעמלטיקן יידישן לעבן איןביידע לענדער, וועגן משפחה־לעבן, זיטן און מצב פון בילדונג אין יענע דורות.

וועגן דעםווירטשאַפטס־שטייגער פון דעם יידישן לעבן אין פּאַלעסטינע איז שוין אויבן געוואָרן דערמאָנט.

די אָרגאַניזאַציע פון די געמיינדעס: אין יעדער שטאָט מיט א באַדייטנדיקער יידישער באַפעלקערונג האָט עקזיסטירט אַ יידישע אויטאָנאָמע געמיינדע. בראש פון דער געמיינדע (כנסת, קהלה, בולע) איז געשטאַנען א ראַט פון פרנסים

אָדער „טובי־העיר“ (פון 7—12 מענטשן). די הויפּט־פונק־ציע פון דער געמיינדע איז געווען — אָרגאַניזירן די גע־ריכטס־מאַכט. דער ריכטער־אַמט איז געווען אַן ערן־אַמט. זייער אַ וויכטיקע פונקציע האָט געהאַט די געמיינדע אויפן געביט פון סאָציאַלער הילף (פדיון שבויים, צדקה). עס זענען געווען אפילו ספּעציעלע זאַמלער פון צדקה־געלט (גבאי צדקה). די געמיינדע האָט אויסגעהאַלטן אַ קיך פאַר אָרעמע־לייט, פאַרנומען זיך מיט היילן קראַנקע און מקבר זיין מתים. די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס פון די שפּעטערדיקע קהלות אין פאַרשידענע יידישע ישובים ציען זייער שטאַם פון די תלמוד־צייטן.

משפחה־לעבן: דער דין האָט נישט פאַרווערט די פּאָלי־גאַמיע, אָבער די מאָנאָגאַמיע איז געוואָרן אַלץ מער דער יסוד פון משפחה־לעבן. בכדי צו פאַרמיידן אויסגעלאַסנקייט רע־קאָמענדירט דער תלמוד דאָס פריע הייראַטן סיי ביי מענער און סיי ביי פרויען (בן 18 לחופה). כאָטש די פרוי איז גע־ווען באַעוולט אין אירע רעכט (גט און ירושה) שפּיגלען אָפּ די צאָלרייכע מימרות פון די תלמידי חכמים די פּאָזיטיווע שטעלונג צו איר געזעלשאַפטלעכער פּאָזיציע אין דער משפּ־חה. האָבן קינדער האָט מען געהאַלטן אַלס פליכט און גליק. זעלבסטפאַרשטענדלעך האָבן די יינגלעך געשפּילט אַ גרע־סערע ראָל אין משפחה־לעבן ווי די מיידלעך צוליב דעם הער־שנדיקן דעמלט געזעלשאַפטלעכן שקלאַפן־סיסטעם.

שול און בילדונג: אין דער תלמוד־עפּאָכע איז דאָס שול־ווען געשטאַנען אין מיטלפּונקט פון לעבן. יוסף פלאַוויוס זאָגט נאָך עדות וועגן דער הייליקער פליכט ביי יידן צו לער־נען קינדער. פון די יינגסטע יאָרן אָן פלעגט מען לערנען די יינגלעך אין די שולן (פון פינף יאָר אָן). די גרונט־שול האָט

געהייםן בית־ספר און די העכערע — בית־תלמוד אָדער בית־המדרש. געלערנט האָט מען דאָרט די ביבל, די משנה און שפּעטער די גמרא.

אויב אין דער גאַס האָט געהערשט די אַראַמישע שפּראַך, האָט מען אין דער שול געלערנט העברעיש. די שול־פּליכט איז געווען אַלגעמיין און עס איז כמעט נישט געווען צווישן די יידישע מענער קיין אַנאַלפאַבעטן. אויך די מיידלעך פלעגט מען לערנען, אָבער אין דער היים און מיט אַ באַגרענעצטן פּראָגראַם.

דעם אַנאַלפאַבעטיזם און עם־הארצות האָט מען געהאַלטן פאַר אַ פעלער פון דעם מענטש און פאַר אַן אומגליק. דעם גרעסטן דרך־ארץ האָט מען געהאַט פאַר די געלערנטע — תלמידי חכמים. דער גייסטיקער אַריסטאָקראַטיזם האָט אָבער אויך געבראַכט צו דער שלעכטער און ביטולדיקער באַציונג צו דעם פּשוטן מענטש און אַרבעטער, וואָס זיין מאַטעריעלע לאַגע האָט אים נישט דערלויבט צו קענען די קליינע אותיות.

רעליגעזער שטייגער און פאָלקס־גלויבונגען: דאָס גאַנצע רעליגיעזע לעבן האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דער געמיינדע און סינאַגאָגע. דער סדר פון די תפילות איז געווען באַשטימט און דאָס לייענען די תורה אויף העברעיש און אין תרגום (אַראַמיש) איז געווען אַן אינטעגראַלע פאָרם פון גאָט־דינסט. אַ וויכטיק אָרט האָט פאַרנומען די שבת־רו און די ימים־טובים, וועלכע נעמען אַצינד אָן אַלץ מער אַ נאַציאָנאַל־היסטאָרישן כאַראַקטער ווי אין די צייטן ביז צו דעם חורבן פון בית־המקדש. פייערלעך האָט מען געפּראַוועט פּורים און חנוכה.

אין דער אמונה האָט דאָס ערשטע אָרט פאַרנומען דאָס גלויבן אין משיחן און אין השארת הנפש (תחית המתים).

דער פאָלקס־גלויבן איז פול געווען מיט זאַבאַבאָנעס וועגן שדים און רוחות, מלאך המות און כישופמאכעריי. דאָס איז געווען א פועל־יוצא פון די איינפלוסן פון שכנותדיקע פעל־קער און אלגעמיינעם שטאַנד פון וויסן.

דער תלמוד קאָן דינען אלס ענציקלאָפּעדיע פאַר די, וואָס שטודירן דעם לעבנס־שטייגער פון נאָענטן מזרח אין די ער־שטע 500 יאָר פון דער נייער ערע. דער גרויסער באדייט, וואָס דער תלמוד האָט געקריגן אין יידישן לעבן, האָט גורם געווען, אַז קעגן אים האָבן זיך געווענדעט אלע רדיפות־אקטן לגבי יידן. די שונאי היהודים האָבן געפילט, אַז דער תלמוד שפּיגלט אָפּ און ווירקט אויף דער נאציאָנאלער אייגנארטי־קייט פון דעם יידישן לעבן אויף דורות. נישט איינמאָל האָט מען דעם תלמוד פארמשפּט צו פארברענען און פיל פּאמפלע־טן האָט מען קעגן אים געשריבן, יעדער אנטיסעמיט ביזן היינטיקן טאָג הייבט אָן זיינע אַטאקעס קעגן יידן מיט דעם אָנגריף אויף דעם תלמוד. פאר די יידן האָט ער געדינט אלס גרונט־גייסטיקע אַטמאָספער פאַר דעם לעבן ביז צו גייסטע, מאָדערנע צייטן.

די סבוראים (VI י״ה)

נאָכן אָפּשליסן דעם תלמוד האָט די אָריגינעלע גייסטיקע שאַפונגס־ארבעט אויף אַ געוויסער צייט זיך אָפּגעשטעלט. די עפּיגאָנען פון די אַמוראים, וואָס האָבן זיך גערופן סבוראים, ד.ה. די, וואָס דערקלערן, באַמיען זיך צו פארשטיין, האָבן דורכגעפירט די אַרבעט פון דער ענדגילטיקער שריפטלעכער רעדאַקציע פון דעם תלמוד. זיי האָבן פאַרגליכן פאַרשידענע

טעקסטן, געזאמלט וואַריאנטן און ערטערווייז אַרייגעפירט זייערע אויפקלער=באַמערקונגען. די טעטיקייט פון די לעצטע געלערנטע פון דער פערסישער צייט גיסט זיך צונויף מיט דער טעטיקייט פון די נייע גייסטיקע מנהיגים אין דער אראבישער עפּאָכע אין בבל, מיט די גאונים.

די מסורה און דער ניקוד

אין די לעצטע צייטן פון דער סאסאנידישער הערשאפט איז בבל האָבן די יידישע געלערנטע איינגעפירט אַיין איינהייטלעכן טעקסט פון דעם תנ"ך. מען האָט איבערגעציילט די צאָל ווערטער פון דעם טעקסט און פאַרבאָטן צו מאכן ענדערונגען אין אים. די שפּעטער באַמערקטע פעלערן האָט מען אויסגעבעסערט, שרייבנדיק באַמערקונגען אויף דעם ראַנד: קרי אָדער כתיב (ד. ה. אַז ס'פעלט אָדער ס'איז דאָ מער אַן אות אין דעם וואָרט). מיט אָט דעם טעקסט, וואָס הייסט מסורהשער, באַנוצן זיך די גלויביקע יידן ביז היינט.

די העברעישע שפּראך פאַרמאָגט נישט קיין גויטיקע צאָל וואָקאלן, און צוליב דעם איז געווען שווער צו באַהערשן די העברעישע ליטעראַטור (איבערהויפּט די הייליקע ספרים) דורך די מאסן, און דאָס לערנען די תורה איז דאָך געווען אַ פליכט פאַר אַלע. אין די צייטן פון די סבוראים האָט מען איינגעפירט די נקודות. עס זענען פאַראַן צוויי סיסטעמען פון נקודות: דער בבלער און טבריענער. מער פּאָפּולער איז דער טבריענער, מיט וועלכן ס'באנוצט זיך ביז היינט דער רוב פון די יידן.

די תקופה פון די גאונים

(XI — VII יאָרהונדערט)

בבל אונטער דער הערשאַפט פון די קאַליפן. ווי שוין אויבן דערמאָנט, זענען די לעצטע יאָרן פון דער הערשאַפט פון די פערסן-סאַסאַנידן אין בבל געשטאַנען אונטער דעם צייכן פון אן עקאָנאָמישער ירידה פון די יידן און פון די פאָליטיש-רעליגיעזע רדיפות, וואָס זענען געוואָרן אָנגעווענדט קעגן זיי. דאָס דעראָבערן בבל דורך די אַראַבער מיטן קאַליף אומר בראש האָט אין דער ערשטער צייט פון דער הערשאַפט פון די אַמאַיאַדן (אומרם יורשים) דעם מצב פון די יידן נישט פאַרלייכטערט. פאַרקערט, די פאַנאַטישע מוזולמענער רודפן די יידישע „כופרים" אויף יעדן טריט און שריט.

אין אַכטן יאָרהונדערט האָט זיך אין בבל איינגעשטעלט די מאַכט פון די קאַליפן פון דער דינאַסטיע אַבאַסידן (750—1040), וועלכע האָבן געשאַפן אַ נייעם קאַליפאַט אין באַגדאַד (דער קאַליף אַל מאַנסור, הארון-אַל-ראַשיד און זייערע יורשים). עס האָט זיך אויסגעבילדעט אַן איינגאַרטיקער סדר פאַר די יידן. אויסערלעך זענען די יידן געווען מער פאַרקנעכט פון דער איבעריקער באַפעלקערונג אין אַט דעם דעספּאָטישן סיסטעם פון הערשן. די יידן האָבן געמוזט טראָגן ספּעציעלע מלבושים אָדער סמנים, וואָס זאָלן זיי אָפּשיידן פון די מוזולמענער, צאָלן ספּעציעלע שטייערן א.א.וו. פון דער צווייטער זייט אָבער האָבן זיך די אַבסאָלוטע הערשער געמוזט רעכענען מיט דעם עקאָנאָמישן כוח און אָרגאַניזירטער אויטאָנאָמיע פון די יידן און צוליב דעם זענען אַנטשטאַנען מעגלעכקייטן פון דער אנטוויקלונג פון דער יידישער עקאָ-

נאָמיק, פון דער געמיינדע־אויטאָנאָמיע און פון א באַלעבאַ־טער גייסטיקער טעטיקייט.

דער ריש־גלותא איז ווידער אָנערקענט געוואָרן אלס אוי־טאָנאָמער פאָליטישער פירער פון די יידן אין בבל.

די ישיבות אין סורא און פומפדיתא לעבן ווידער אויף, און זייערע רעקטאָרן קריגן צוריק דעם באַדייט פון גייסטיקע מנהיגים פון פאָלק. דער רעקטאָר פון דער מתיבתא אין סורא קריגט דעם טיטל גאון און ווערט אָנערקענט אלס מנהיג נישט נאָר אין בבל, נאָר אויך אין דער גאנצער יידישער וועלט. צו אים ווענדן זיך אַלע געלערנטע און רבנים מיט פראַגן (שאַ־לות) וועגן תלמודישע, רעליגיעזע און געזעצלעכע פּראָבלע־מען, און זיינע תשובות (רעספּאָנסן) זענען מאָסגעבנדיק פאַר אַלע יידישע קהלות. די שאלות ותשובות שאפן א רייכע לי־טעראטור פון די גאונים.

אזוי ווי אין III — V יאָרהונדערט, האָבן זיך איצט אויפסניי איינגעשטעלט די ירחי דכלה און טויזנטער מענטשן פלעגן אין די חדשים אלול און אדר קומען קיין סורא, כדי אויסצוהערן באַרימטע פארטראָגן פון די גאונים און באקו־מען תשובות אויף ספקות אין פראגן פון רעליגיע און לערע.

די ליטעראַרישע און וויסנשאַפטלעכע שאַפונג ביז סעדיה הגאון

אין דער תקופה פון די גאונים זענען געשאפן געוואָרן וויסנשאפטלעכע ווערק, וואָס האָבן געדארפט פארלייכטערן דאָס לערנען דעם תלמוד. שמעון פון קאיר שאַפט דאָס בוך „הלכות גדולות“, וואָס פארלייכטערט דאָס באקענען זיך

מיט דער הלכה, און דער גאון צמח שאפט א מין לעקסיקאן א. נ. ערוך צום תלמוד. די גאונים נתרונאי און שפעטער עמ־רם פירן איין אָרדענונג אין סדר פון דער תפילה און לייגן דעם יסוד פון דעם סדור (געבעט־בוך).

דער פיוט. אין אכטן יאָרהונדערט אנטשטייט ביי די יידן אונטער דעם איינפלוס פון דער אראבישער פּאָעזיע א רייכע רעליגיעזע דיכטונג, וואָס ווערט גערופן פיוט. אירע שאפער, די פיטנים, באארבעטן פּאָעטיש פארשידענע טעמעס פון דער יידישער געשיכטע און מדרש, שרייבן הימנען און לויב־געזאנגען פאר גאָט, אָפט זענען די פיוטים פול מיט ליריק; זייערע מחברים שטעלן פאָר די לייד פונעם יחיד און פאָלק און טרייסטן דאָס פאָלק מיט האָפענונגען אויף א שע־נערער און גליקלעכער צוקונפט. די פיוטים זענען אריינגעגאנ־גען אין די תפילות (מען רופט זיי פּאָפּולער יוצר). די גע־שיכטע רופט אן הונדערטער פיטנים און טויזנטער פיוטים. א טייל פון זיי האָבן א קליינע ליטעראַרישע ווערט סיי אין זין פון אינהאלט און סיי אין זין פון דער פאָרם (די אזוי גערופענע אָץ־קוציץ־פּאָעזיע). דער גרעסטער צווישן די פיט־נים איז געווען ר׳ אליעזר הקליר. די אשכנזישע און ספרדי־שע מחזורים אנטהאלטן פיל פון זיינע פיוטים. צו דער העכס־טער אנטוויקלונג איז דערגאנגען דער פיוט אין דער שאפונג פון די גרויסע יידישע פּאָעטן אין דער גאָלדענער צייט פון רענעסאנס פון דער פּאָעזיע אין גייעם יידישן צענטער אין שפּאניע. צו דעם סוג פון פּאָעזיע געהערן אויך די שפּעטערע שאפונגען אין פראנקרייך, איטאליע, דייטשלאנד און פוילן (פארשידענע סליחות, זמירות אויף שבת און ימים־טובים א.א.וו.).

די קראים (קאַראַימער)

פון דורות זענען אין יידנטום געווען חלוקי־דעות און סכסוכים אין די פראַגן פון הייליקטום פון דער געשריבענער תורה און דער תורה שבעל־פה (די מינדלעכע טראַדיציע). די שומרונים זענען געווען קעגן דער אנטוויקלונג פון דער טראַדיציע אין די תנ״ך־ספרים. די צדוקים האָבן באַקעמפט די פרושים, וועלכע האָבן ברייטער פאַרטייטשט דעם קאַנאָן און אנטוויקלט דעם רעליגיעזן גייסט, צופּאַסנדיק אים צו דעם נייעם לעבן.

נאָך דעם ווי די משנה און תלמוד (די תורה שבעל־פה) איז אָנערקענט געוואָרן פאַר אַ הייליקטום, האָבן זיך ווייטער גע־פונען קעגנער פון אָט דער פאַרברייטערונג פון דעם יסוד פון יודאיזם. דער גרונט פונעם אנטשטיין פון נייע קעגנער פון דער תורה שבעל־פה אין דער תקופה פון די גאונים איז גע־ווען נעבן רעליגיעזע טעמים אויך אַ סאָציאַלער. מיט אַ פּראָ־טעסט קעגן דעם גדלות פון דעם עקזילארך־רעזשים און אוי־טאָרקיע אין גייסטיקן לעבן מצד די גאונים הייבט זיך אויף אַ גרופּע אַזוי גערופענע אבלי־ציון, פון פלעבעישן שטאַם, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז די קאַנאָניזירונג פון דעם תלמוד פאַר־רוקט אין שאָטן די הייליקע תורה, דינט די אינטערעסן פון די גדולי הדור און פון די רייכע שיכטן און איז מרחיק די צייט פון דער גאולה.

פון די אַבלי־ציון איז ארויסגעקומען די סעקטע פון די קראים (קאַראַימער), וואָס איר גרינדער און מנהיג איז געווען ענן בן דוד (VIII יאָרהונדערטער). דער נאָמען זייערער נעמט זיך פון דעם וואָרט מקרא אָדער קרא (די תורה —

תנ"ך); קאַראַימער ד. ה. אַנהענגער פון דער תורה, אין דעם קעגנזאַץ צו די „וואָס אָנערקענען די תורה שבעל־פּה, די ראַ־באַניטן.

ענן בן דוד, נאָך דעם ווי ער איז געוואָרן גערודפט פון די הערשנדיקע אין בבל אָנהענגער פון דעם תלמוד און דורך די אָפיציעלע מלוכה־אָרגאַנען, האָט זיך איבערגעטראָגן קיין פּאַ־לעסטינע און דאָרטן פאַרשטאַרקט די פּראָפּאַגאַנדע פון דער אידעאָלאָגיע פון דער נייער סעקטע. אין זיין בוך „ספר המצוות" געפינען זיך די יסודות פון דער אמונה פון די קאַ־ראַימער. אַ סך פון זיי ציען די טראַדיציע פון די צדוקים (דאָס נישט צינדן קיין פייער אום שבת, דאָס באַקן מצות פון גערשטן־מעל, כדי זיי זאָלן זיין „לחם עוני" — אָרעם ברויט א.א.וו.). ענן האָט אַרויסגעוואָרפן פון דעם סידור די פּיוטים און פאַרפולט זייער אָרט מיט פּרקים פון תהילים און תנ"ך. לויט זיינע דינים האַלטן די קאַראַימער נישט פון חנו־כה, לייגן נישט קיין תפילין און האָבן נישט קיין מזוזות.

די גאונים האָבן געוואָרפן אויף ענגען א חרם, און ער האָט זיי אויך אָפּגעצאָלט מיט דעם זעלבן.

נאָך ענגס טויט קריגן די קאַראַימער געגוג אָנהענגער אין פּאַלעסטינע, מצרים, פּערסיע, כדי אָנצוהויבן אַן אָפענעם קאַמף מיט די ראַבאַניטן. זיי האָבן אפילו געשאַפן אַן אייגע־נעם גאונאַט אין פּאַלעסטינע. מיט דער שאַרפסטער פּאָלעמיק קעגן די קאַראַימער טרעט אַרויס איינער פון די גרעסט׳ע גאונים, סעדיה בן יוסף.

אינטערעסאַנט איז די הערשייגונג, אַז די יידישע סביז־מאַטיקער, און צווישן זיי אויך די קאַראַימער, האָט די גע־שיכטע פאַראורטיילט אויף פאַרקריפּלונג. ביים היינטיקן טאָג

געפינען זיך נאָך גאָר קליינע גרופּעס פון קראים אין פּוילן, ראטנפארבאנד, עגיפּטן, טערקיי און ישראל.*

סעדיה הגאון,
די אנטוויקלונג פון דער יידישער פילאָזאָפיע

סעדיה איז געבוירן אין מצרים (892 י.). שוין אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער זיך ארויסגעוויזן מיט גרויסע פעיקייטן, שארפזיניקייט און גרויסער ערודיציע. נאָך אין מצרים האָט ער געפירט א שארפע פּאָלעמיק מיט די קאראימער און האָט אָנגעשריבן א פּאָלעמישן טראקטאט קעגן זיי. צוליב דעם האָט אים דער עקזילארך פארבעטן קיין סורא, כדי צו פאר־נעמען דעם פּאָסטן פון גאון. אין סורא איז זיין אויטאָריטעט צווישן די געלערנטע שטארק געשטיגן. מען האָט געהאָרכט זיין לערע ווי א נבואה. באלד קומט אָבער צו א סכסוך צווישן אים און עקזילארך.ביידע צדדים האָבן נישט געוואָלט אָפּ־טרעטן. סעדיה ווארפט א חרם אויף דעם עקזילארך און דער לעצטער, מיט דער השפעה פון דעם קאליף, איז גורם, אז סעדיה מוז פארלאָזן בבל און באזעצן זיך ווידער אין מצרים. סעדיהס אָנהענגער האָבן אָבער סוף־כל־סוף געפועלט, אז ער האָט זיין אמט צוריק באקומען. דער סכסוך און דאָס ארומ־וואנדערן האָט גורם געווען, אז ער איז געשטאָרבן אין פריען עלטער (942).

---

* די עגיפּטישע קאראימער וואנדערן לעצטנס אויס מאסנ־וויז קיין ישראל.

פון זיינע ווערק זענען די וויכטיקע: די פּאָלעמישע שריפ־טן קעגן די קאַראַימער און די אַראַבישע איבערזעצונג פון דעם תנ"ך, וועלכע שטייט אין איין ריי מיט דער סעפּטואַ־גינטא, אקילאַס, תרגום אונקלוס און די לאַטייַנישע וולגאַ־טאַ. אָבער זיין וויכטיקסט ווערק איז געווען דער פּרווו משלים צו זיין די פילאָזאָפיע מיט דער רעליגיע אין דעם בוך „אמו־נות ודעות", וואָס ער האָט געשריבן אין אַראַביש, און יהודה אבן תיבון האָט עס איבערגעזעצט אויף העברעיש.

סעדיה נעמט אויף זיך אין זיין בוך די אויפגאַבע ווי פילון דער אלעקסאַנדריער אין די אַלטע צייטן. דער יידיש־העלעני־שער דענקער האָט געשטרעבט צו באַגרינדן פילאָזאָפיש דעם ביבלישן יודאיזם, דער בבלער גאון האָט זיך פאַרמאָסטן צו דערגרייכן דאָס זעלבע אין באַצוג צום תלמודישן יודאיזם.

ער טרעט ארויס אין זיין בוך סיי קעגן די אבערגלויבנס פון די מיסטיקער און קעגן דעם אומגלויבן פון די פרייַדענ־קער. סעדיה האַלט אין זיין בוך, אַז די וועלט איז נישט איי־ביק און זי האָט געמוזט האָבן איין באַשעפער, וואָס האָט דריי גרונט־מידות: דאָס זיין, די חכמה און גבורה. דער צענ־טער פון דער וועלט איז די ערד און דער בעסטער פון די באַ־שעפענישן איז דער מענטש, וואָס זיין הויפּט־מידה איז דאָס באַנעמען מיט דעם פאַרשטאַנד, צוליב דעם וואָס ער האָט א שבלדיקע נשמה. דער מענטש האָט אַ פרייען ווילן, ער קאָן אויסוויילן גוטע אָדער שלעכטע מעשים און פון דעם נעמט זיך דער יסוד פון שכר ועונש. דער וועג פון דעם באַשאַפענעם צו זיין באַשעפער (אַלס דער יסוד פון חכמה, פאַרשטאַנד, עטיק און מוסר) וואָלט געווען צו ווייט און דערפאַר האָט זיך גאָט אנטפּלעקט זיינע נביאים און איבערהויפּט דעם אדון הנביאים — משה רבינו, געבנדיק דורך אים דעם פאָלק

ישראל די תורה, וואָס אירע דינים וועלכע זענען נוגע די באַ־ ציונגען צווישן מענטשן (די עטיק) דאַרף מען אויספירן לויט דעם באגריף פון שכל, און די אנדערע, כאָטש ס'איז זיי שווער צו פארשטיין מיט דעם שכל, האָבן אויך דעם זעלבן יסוד, צ.ב.: דער דין פון שבת־רו א.אַ.וו. סעדיה באגרינדעט אויך די פראַגע פון תחית המתים און ביאת המשיח. מיט זיין בוך שאפט סעדיה דעם יסוד פון דער יידישער ראַציאָ־ נאַליסטישער טעאָלאָגיע.

אין זיין ווערק „אמונות ודעות" פירט סעדיה הגאון אַ שארפע פאָלעמיק מיט חיוי הבלכי, וואָס האָט רעפּרעזענטירט דעם קאָנסעקווענטן ראַציאָנאליסטיש־קריטישן גערדאנק פון יענער צייט ביי יידן.

חיוי הבלכי האָט געלעבט און געשאפן אין דער צווייטער העלפט פון IX י"ה אין באלך (אפגאניסטאן). ער איז ארויס־ געטראָטן קעגן דער פעסטשטעלונג וועגן דער אויטענטיש־ קייט און אמתדיקייט פון דער ביבל. זיינע קריטישע באמער־ קונגען וועגן דער ביבל האָט ער פאָרמולירט אין 200 פראַגן. אַ סך פון זיי זענען ביז היינט דער יסוד פון דער וויסנשאפט־ לעכער ביבל־קריטיק. ער דעקט אויף און אַנאַליזירט די סתי־ רות, וואָס זענען פאַראַן אין תנ"ך און ווייזט אויף, אַז די הייליקע שריפטן האָבן דורכגעמאכט טענדענציאָנעלע רע־ דאַקציעס. ער רייסט אַרונטער די מעשיות וועגן נסים, וואָס געפינען זיך אין תנ"ך און לאכט אויס די דאגמע וועגן ברית־ מילה און דאָס ריינוואַשן זיך פון זינד דורך קרבנות. די לעצ־ טע פאָרשונגען באווייזן, אַז חיוי הבלכי איז נישט געווען קיין אויסנאַם אין זיין דור. עס זענען אין יענער צייט געווען סיי ביי די ראַבאַניטן און סיי ביי די קראים נישט ווייניק פרעדי־

קער פון אפאזיציאנעלע מיינונגען, וואס האבן באקעמפט די הערשנדיקע תלמודישע און געלט־אריסטאקראטיע.

די לעצטע גאונים, די ירידה פון עקזילארכאט

נאך סעדיהס טויט האט אויפגעהערט צו עקזיסטירן דער אמט פון גאון אין סורא. עס פאלט אויך די באדייטונג פון דער דארטיקער מתיבתא, וואס האט עקזיסטירט 700 יאר. נאך א קורצער צייט איז טעטיק געווען די אקאדעמיע אין פומפדיתא און מיט איר איז פארבונדן געווען דער אמט און טיטל פון גאון.

די לעצטע גאונים (אין פומפדיתא) זענען געווען ר' שרי־רא און ר' האי הגאון. ר' שרירא (ארום 1000 י.) איז געווען א גרויסער געלערנטער; ער האט איבערגעלאזט אחוץ פיל תלמודישע תשובות, אויך איינע א זייער וויכטיקע, א היס־טארישע, וואס איז באקאנט א.נ. „אגרת ר' שרירא הגאון". אין דער תשובה שטעלט ר' שרירא כראנאלאגיש צוזאמען די תנאים, אמוראים, עקזילארכן און גאונים און דערמיט לייגט ער דעם גרונטשטיין פאר די היסטארישע פארשונגען פון דער צייט. דער בריוו (אגרת) איז כמעט דער איינציקער היסטארישער מקור צו דער גאונים־תקופה.

נאך אים פארנעמט דעם אמט פון גאון זיין געלערנטער זון האי. צוליב א קאנפליקט מיט דעם קאליף זענען שרירא און האי ארעסטירט געווארן און זייער פארמעגן האט מען קאנפיסקירט. ר' שרירא איז געשטארבן אין דער תפיסה (1040) און ר' האי 10 יאר שפעטער. נאך ר' האי האט נאך קורץ געהאט דעם אמט פון גאון דעם עקזילארכס דודס אז

אייניקל (דער עקזילארך דוד, וואָס האָט געהאט א סכסוך מיט ר' סעדיה) און מיט אים ענדיקט זיך די אינסטיטוציע פון גאו־נאַט. אין דער זעלבער צייט ענדיקט זיך אויך די אינסטיטוציע פון עקזילארך אין בבל. דער לעצטער ריש־גלותא חזקיהו האָט מען אויפן באפעל פון קאַליף געהרגעט אין מחוזא (1040) און זיינע זין זענען אנטלאָפן קיין שפאניע צו יוסף הנגיד אין גראַנאַדע. ארום 100 יאָר שפּעטער איז אנטשטאנען א גאו־נאט אין באגדאד און אן עקזילארכאט אין מאסול, ביידע די אינסטיטוציעס ווערן ליקווידירט ארום יאָר 1300.

די ירידה פון דעם גאונאט און עקזילארכאט אין בבל איז פארבונדן מיט דער אלגעמיינער עקאָנאָמישער, פּאָליטישער און גייסטיקער ירידה פון יידישן בבל און מיט די עמיגרא־ציע־פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר פון דאָרטן אין אַלע צייטן פון רדיפות. אין דער זעלבער צייט שטייט שוין שטארק אויף די פיס דער נייער גייסטיקער גרויסער יידישער צענטער אין שפּאַניע, וואָס האָט ווייטער געפירט די קייט פון דורות פון אנטוויקלען דעם יידישן נאציאָנאלן גייסט, לעבנס־שטייגער און קולטור־שאפונג. די קייט איז נישט איבערגעריסן גע־וואָרן.

די וויכטיקסטע דאַטעם

1) רבן גמליאל II אַלס נשיא אין יבנה. לערך	80 —85	יאָר
2) דער צוזאַמענפאָר אין אושא ״	140	״
3) די רעדאַקציע פון דער משנה אַרום	210	״
4) די גרינדונג פון דער סורער אַקאַדעמיע	219	״
5) אָנהייב פון דער הערשאַפט פון די נייפערסן אין בבל	226	״
6) דער עדיקט פון קאָנסטאַנטין	313	״
7) דער לעצטער נשיא אין פאַלעסטינע גמליאל VI	400—425	״
8) די אַנטי־יידישע גזרות פון טעאָדאַזיוס	439	״
9) די חתימה פון תלמוד בבלי לערך	499—500	״
10) דער ערשטער אויפשטאַנד פון די שומרונים	529	״
11) דער צווייטער אויפשטאַנד פון שומרונים	556	״
12) דער אויפשטאַנד פון די יידן אין העראַקליוסעס צייטן. דער איבערפאַל פון די פּאַרטן אויף פאַלעסטינע	614	״
13) אמאר דעראָבערט ירושלים	638	״
14) די גרינדונג פון דער קאַראַימער סעקטע	VIII	י״ה
15) ר׳ סעדיה הגאון	892—942	״
16) דער טויט פון ר׳ שרירא הגאון און ריש גלותא חזקיהו	1040	״

רעקאָמענדירטע לעקטור

שמעון דובנאָוו, די געשיכטע פון יידישן פאָלק אין מזרח, ב. III, ייוו"אָ, ווילנע 1938.

I אָפּטייל קאַפּ.:	I	די רעסטאַווורירטע זעלבסטפאַרוואַלטונג און דער סנהדרין אין יבנה.
„ „	III	דאָס גייסטיקע לעבן אין דער צייט פון סנהדרין אין יבנה.
„ „	IV	די גלילער נשיאים. דאָס פארענדיקן די משנה (136—210).
„ „	V	פאַלעסטינע אין לעצטן יאָרהונדערט פון דער הײדנישער רוים (210—312).
„ „	VI	די דיאַספּאָרע און אויטאָנאָמער צענטער אין בבל.
II אָפּטייל קאַפּ.:	I	פאַלעסטינע אין ערשטן י"ה פון דער קריסטלעכער רוים און ביזאַנץ (312—429).
„ „	II	פאַלעסטינע און די דיאַספּאָרע אין די לעצטע י"ה פון דער ביזאַנטישער הערשאַפט (429—638).
„ „	III	דער אויטאָנאָמער צענטער אין בבל ביזן סוף פון דער פערסישער אוי־בערהערשאַפט.
„ „	IV	לעבן־שטייגער און מידות אין דער עפּאָכע פון פאַלעסטינע־בבלישער הע־געמאָניע לויטן תלמוד.

III אָפּטייל קאַפּ.: I דער אויפקום פון איסלאַם און דער
קאַליפאַט פון די אָמאַיאַדן (622—750).
„ „ II די יידישע אויטאָנאָמיע אין בבל אונ=
טערן קאַליפאַט פון די אבאסידן
(750—1040).
„ „ IV דאָס גייסטיקע לעבן אין דער עפּאָכע
פון אַראַביש=יידישן רענעסאַנס.

פּ ר אָ פ. ה. ג ר ע ץ, די יודישע געשיכטע, באַאַרבעט
ה. צייטלין, 7=טער באַנד, וואַרשע 1914, פערלאַג ב. שימין.
קאַפּיטלען: V דער נייער צענטער אין בבל.
„ VI די לאַגע פון די יודען אין בבל און פּערסיען.
„ VIII די ווייטערדיקע ענטוויקלונג פון יודנטום אין
יהודה און בבל.
„ X די ישיבות אין בבל.
„ XIII דאָס יודנטום אין בבל (די אָפּשליסונג פון
תלמוד).
„ XVI יודען אין אראביען.
„ XVII מוחמד און זיינע מלחמות מיט יודען.

פּ ר אָ פ. ה. ג ר ע ץ. די יודישע געשיכטע, באַאַרבעט,
ה. צייטלין, 8=טער באַנד, וואַרשע 1914, פאַרלאַג ב. שימין.
קאַפּיטלען: I יודען אונטער דער הערשאַפט פון איסלאַם.
„ IV די קאַראַימער (קדאים) און אַנדערע סעק=
טעס.
„ VI דאס יודנטום אין בבל; דער אונטערגאַנג פון
עקזילארכאט.

מ א ה ל ע ר ר פ א ל: קאַראַימער, אַ יידישע גאולה=באַוועגונג
אין מיטלאַלטער, ניו=יאָרק 1947, פאַרלאַג אליהו שולמאַן.

Dr Meir Bałaban, Historia i Literatura Żydowska, t. I wydawn. Ż. N. im. Ossolińskich, 1925, Lwów.
Rozdziały: IX Od zburzenia Jerozolimy do upadku powstania Bar-Kochby (70 — 135)

X Od upadku powstania Bar-Kochby do ukończenia Miszny (135 — 220)
XIV Powstanie Talmudu palestyńskiego (200 — 425)
XV Żydzi w Babilonii
XVI Wyimki z Hagady

Dr Meir Bałaban, Historia i Literatura Żydowska t. II, wydawnictwo Ż. N. im. Ossolińskich, 1925, Lwów
Rozdziały: I Żydzi w państwie wschodnio-rzymskim
II Hegemonia Żydów arabsko-babilońskich

Hilary Nussbaum, Historia Żydów, t. III, Warszawa 1889
Rozdziały: II, III, IV, V, VI, VII, VIII, IX, X

Julian Adolf Święcicki, Historia Literatury Powszechnej, Literatura żydowska, tom VII, część I, Warszawa 1903
Rozdziały: IV, VII, VIII, IX, X, XI

י. ה. ווייס: דור, דור ודורשיו, ב. I—III, ווין 1876—1883.

גדליה אלון, תולדות היהודים בארץ־ישראל בתקופת משנה ותלמוד. הוצאת הקבוץ המאוחד, תשי״ד.

ביאַליק, ראַבניצקי, די יודישע אגדות, ב. I, II, III, IV, פאַרלאַג „מוריה“, ירושלים, בערלין, אָדעס, תרפ״ז.

אַלע אגדות פון תלמוד איבערגעזעצט פון תשר״ק, ניו־יאָרק.

חפץ ל. וו. די יודישע פארשטעהער [ביאָגראַפיעס פון תנאים און אמוראים], I—II טייל, ברדיטשוב — תרס״ו, דרוק פון חיים שעפטיל.

אומנסקי יוסף: חכמי התלמוד, תולדותיהם ומאמריהם טרנוב — תרצא.